NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גראשען

...הײנט 10 זײטען

נייער פאלקסבלאט

№ 57	Łódź, Poniedziałek 8 marca 1937	אדרעס: לאדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06	לאדז, מאנטאג, פ' ויקרא כ"ה אדר תרצ"ז	15-טער יאהרגאנג

אויפגעהעצטער אראבישער המון אויף דער גרעניץ פון יפו און תל־אביב

...יבערהייטס־מצב איז לאנד. — אויפרוף פון יודישע אפיצירען. — באפרייט אראבער, ביי וועלכע מ'האט קאנפיסקירט געוועהר

ירושלים, 7 (יט"א טעלעגראפיש)

אין רעזולטאט פון דער גוואלדיג אויפגעהעצ... ער שטימונג צוליב דער פארשארפטער אראבישער ...טעראר־אקציע האבן זיך אויף דער גרעניץ פון ...פו און תל־אביב פארזאמעלט גרויסע מאסן אראבער וואס האבן אנגענומען א דראהענדע שטעלונג.

גלייך זענען אנגעקומען גרעסערע פאליציי־אפטיילונגען, וועלכע האבן צוטריבן דעם המון.

לויט דער פארארדנונג פון דער פאליציי איז ...ער פארקעהר צווישן יפו און תל־אביב נאך 6 ...זייגער אין אוונד אינגאנצן אפגעשטעלט.

ירושלים, 7 (יט"א טעלעגראפיש)

דער שטעלפארטרעטער פון הויך־קאמיסאר ה' ...אל, האט לעצטענס באזוכט א רייהע פונקטען פון ...אנד, וואו ער האט קאנפערירט מיט די פארשטייער ...ון דער ארטיגער מאכט וועגן דעם זיכער־הייטס־ ...מצב. דער שטעלפארטרעטער פון דעם הויך־קא־ ...מיסאר וועט אויף זיין רייזע באגלייט דורך דריי ...פאנצערטע אויטאס.

ירושלים, 7 (יט"א טעלעגראפיש)

„אל־ליווא" טיילט מיט פון אמאן, אז אויף ...ן אויסערגעוועהנליכער זיצונג פון לעגיסלאטיו־ ...אט פון עבר־הירדן וועט באטראכט ווערן די פראג־ ...ע וועגן ארויסגעבען א געזעץ, אז אויף א שטח ...ן עטליכע קילאמעטער פון דער א"י־גרעניץ טא־ ...ען נישט טראגען קיין געוועהר.

ירושלים, 7 (יט"א טעלעגראפיש)

10 א"אבער, ביי וועלכע מען האט זיינערצייט ...געהאט קאנפיסקירט 323 פאטראנען, 6 ביקסען ...און 6 רעוואלווערן און וועלכע זענען דערפא־

פאראורטיילט געווארען צו 56 יאהר תפיסה, האט דאס אפעלאציע־געריכט איגנאנצן באפרייט פון יעדער שטראף.

תל־אביב, 7 (יט"א טעלעגראפיש)

דער פארבאנד פון די יודישע אפיצירען אין א"י, וועלכער ציילט 300 מיטגלידער מיט א גרויס־

סען מיליטעריש סטאזש, האט פארעפענטליכט אן אויפרוף, דאס נעהמענדיג אין באטראכט די נייע טעראר־כוואליע, וועלכע האט ווידער פארפלייצט דאס לאנד, פאר־ערט דער פא־באנד דאס עלעמענ־טארע רעכט צו באשיצען דעם כבוד און דאס לעבען פון די יודען אין ארץ־ישראל. „אויב מיר האבן

געקענט פארגיסען אונזער בלוט אויף די שלאכט־פעלדער פון דער וועלט־מלחמה, יועלען מיר אויך קענען מקריב זיין אונזער לעבען פאר אונזער פאטערלאנד און אונזער פאלק!" — ווערט געזאגט אין דעם דערמאהנטען אויפרוף.

פאר דער פראקלאמירונג פון אויסנאהמס־צושטאנד אין יפו

מיליטערישער קארדאן ביי די דראהט־פארצוימונגען צווישען יפו און תל־אביב. — פאליציי צוטריבען אן אראבישע דעמאנסטראציע אין חיפה. — נאך איין מארדטהאט פון אראבישע טעראריסטען

ירושלים, 7 (יט"א טעלעגראפיש)

די שפאנונג אין יפו דויערט ווייטער. צוליב דער אנגעשטרענגטער לאגע איז תל־אביב אפ־געטיילט געווארען פון יפו דורך א מיליטערישען קארדאן, וועלכער שטייט אויף דער וואך ביי די פארצוימונגען פון שטעכיגען דראהט, וואס זע־נען אויסגעשטעלט געווארען אויף אלע יועגען און גאסען אויף דער גרעניץ צווישען יפו און תל־אביב.

אין יפו זענען היינט די געשעפטען מעהר־סטענס געשלאסען.

אויב עס וועט נישט קומען צו קיין ענטשפאנונג וועט וואהרשיינליך פראקלאמירט ווערען אויסנאהמס צושטאנד אויך אין יפו און עס וועט דארט איינ־געפיהרט ווערען א פאליציי־שעה גלייך ווי אין ירושלים.

אין חיפה איז היינט פארגעקומען א גרויסע א־אבישע דעמאנסטראציע. די דעמאנסטראציע איז

צעפיהרט געווארען אונטער'ן לאזונג פון באשעפ־טיגען מעהר אראבישע ארבייטער אין חיפה'ער פארט. פאליציי האט צוטריבען די דעמאנסטראַנטען. היינט האבען א"אבישע טעראריסטען אויסגע־פיהרט א מארד איבער א מעסיגען אראבער. צוויי אראבישע טעראריסטען זענען אריין אין הויז צווי־שען רמת השרון און אבו־קישעק און האבען אפגע־געבען איניגע שאסען צום הויז־אייגענטימער, וועל־כער איז געפאלען טויט אויפ'ן ארט.

„מיט אזעלכע רציחות ווי איבער'ן יודישען דאקטאר אין בית־שאן טוען זיך די אראבער נישט קיין טובה..."

לאנדאן (יט"א). דאס וואכענבלאט „טרעיט בריטען ענד דהי איסט" באהאנדעלט אין לעצטען נומער אין א לייט ארטיקעל די לאגע אין א"י און שטעלט זיך אפ אויף דער כסדרדיגער, הגם ווייניגער

געוואלטזאמער אראבישע־טעראר־כוואליע אין א"י די צייטונג שרייבט צוו. אנד.:

די צאהלרייכע פרייגט פון די אראבער מחוץ פא־לעסטינא הערוויסען זיך מיט אפשר וועגען די כסדר'

דיגע מערדעריען, וואס געשעהן אין הייליגען לאנד, אויב מען זאל אפילו אננעהמען פאר ריכטיג — און ווארשיינליך איז עס אמת — אז הינטער די מערדע־רייען שטייט נישט קיין אראבישע פאליטישע ארגאנ־ניזאציע (האפען דאך די אראבישע לידער עפענטליך אויסגעדריקט זייער אפנייגונג געגען געוואלט־מעשים) איז אבער דער ענטשטאנענער רעזולטאט אין דער העכ־סטער מאס אומגליקליך פאר די אראבער.

די טעמיטער זענען נאך, אהן ספק, אויפגערעגט, און א געפיהל פון אומרוה, וועט נאך דויערן, כל־זמן עס וועלען נישט באקאנט ווערען די עמפפעהלונ־גען פון דער קעניגליכער קאמיסיע, און די באשלו־סען פון דער מאנדאטאר־מאכט. עס קען אבער נישט זיין קיין שום פערטייבונג פאר אזא מין רציחה, ווי די וואס איז די לעצטע וואך אויסגעפיהרט געווארען איבערן יודישען דאקטאר אין בית־שאן. דער דאזי־גער מארד קען נישט האבן געהאט אויסגעדריקט די פארצווייפלונג פון די אראבער — אויב זי איז פאר־האן, איז זי גענוג בעקאנט. אזא רציחה קען אויך נישט זיין קיין טובה פאר דער אראבישער זאך — מען האט שוין וועגען אזעלכע מעשים געהערט און זיי פאראורטיילט. צווישען סימפאטיקער פון די אראבער קען עס באמת נישט ארויסרופען שפעט אנ־דערש, חוץ א שטיקענדער געפיהל פון באדויערן. מען קען זיך זאגען, אז די אראבער קעמפען פאר זייער צוקונפטיגער עקזיסטענץ; זיי קענען אבער נישט זא־גען, אז זיי קעמפען פאר זייערע לעבענס, ווען עס ווערט אזוי צוריקלאז פארניכטעט דאס לעבען פון א יודישען דאקטאר.

מיט יעדער וואך גיט זיך אפ די וועלט אלץ מעהר חשבון וועגען גודל פון די יודען אין אזעלכע לענ־דער ווי רומעניען, דייטשלאנד און אונגארן.

די צייטונג מיינט, אז לאזען ווייטער א גרויסען עמיגראציע־שטראם קיין א"י איז „סיי אומיושר־דיג און סיי אוממעגליך". מען דארף — מיינט די צייטונג — געפינען אנטווארטונגען, צי עס זענען נישט מעגליך קיין אימיגראציע־מעגליכקייטען אויך אין אנדערע שטחים פון דער בריטישער אימפעריע.

היטלעריסטישע פארשווערונג אין אונגארן

ווין, 7 (ספ. טעל.)

פון אונגארן מעלדעט מען, אז מען האט דארט ענטדעקט א געהיימע היטלעריסטישע פאר־שווערונג, וועלכע האט געהאט די אויפגאבע ארא־צוווארפען די איצטיגע רעגירונג און איינצופיהרען א היטלעריסטישען רעזשים. ווי דער „פעסטער לאיד" מעלדעט האט מען געפונען מאטעריאלען, אז די פארשווערונג איז געווען בעשטיצט דורך געלט פון דייטשלאנד.

ענטשפאנונג אין ירושלים

רעגירונג אפגעשאפען דעם אויסנאהמס־צושטאנד

ירושלים, 7 (יט"א טעלעגראפיש)

היינט (זונטאג) ביטאג האט די א"י־רעגי־...רונג אונטער דער לייטונג פון דעם שטעלפארטרעטער ...פון הויך־קאמיסאר, ה' האל באטראכט אויפ'ן סמך ...פון די עך־האלטענע ראפארטען די לאגע אין גאנ־...צען לאנד, איז געקומען צום אויספיהר, אז דער

אויסנאהמס־צושטאנד, וואס איז געווען פראקלאמירט געווארען אין ירושלים, איז שוין מעהר נישט נויטיג. די פאליציי־שעה איז דעריבער אין ירושלים אפגעשאפען געווארען.

אין די רעגירונגס־קרייזען דריקט מען אויס די איבערציינגונג, אז די זיכערהייטס־מאכט באהערשט

די לאגע און וועט באווייזען אפילו אהן דער אנ־ווענדונג פון דראסטישע מיטלען אפצוהיטען די רוה און ארדנונג אין לאנד.

די אויספארשונג וועגען די בעכטיגע געשעהע־נישען אין ירושלים ווערט ענערגיש פארטגעזעצט.

די אמעריקאנער עפענטליכקייט שטיצט דעם בירגערמייסטער לא גארדיא

לא גארדיא ציהט נישט צוריק זיין אנטי־נאצישע ערקלערונג. — צי וועט די אמעריקאנער רעגירונג פראטעסטירען נעגען די אנפאלען פון דער דייטשער פרעסע אויף רוזוועלט'ן

נ ײ ו ־ י א ר ק, 7 (יט"א טעלעגר.)

די גאנצע אמעריקאנער פרעסע ווידמעט פיל אויפמערקזאמקייט דעם קאנפליקט, וואס איז אנט־...שטאנען מיט דער דייטשער נאצי־רעגירונג, צוליב דעם שארפען אנטי־נאציסטישען ארויסטריט פון דעם ניו־יארקער בירגערמייסטער לאגארדיא אויף דער פערזאמלונג פון דער פרויען־סעקציע פון דעם אמעריקאנער יודישען קאנגרעס.

צוליב די שארפע דייטשע פראטעסטען געגען ...זיין רעדע און דעם דעמארש ביים אמעריקאנער ...אויסערן־מיניסטער האט פיארעלא לאגארדיא אין ...א געשפרעך מיט פרעסע־פארשטייער ערקלערט: „איך האלט אונטער מיין פריהערדיגע ערקלערונג ...און חזר זי איבער נאכאמאל".

„ניו־יארק פאסט" טיילט מיט, אז די רע־גירונג פון די פאראייניגטע שטאטען וועט וואהר־שיינליך פאדערן פון דער דייטשער רעגירונג אן ...ענטשולדיגונג צוליב די אנפאלען פון דער דייטשער ...פרעסע אויף דעם אמעריקאנער פרעזידענט רוזוועלט.

די אמעריקאנער אמבאסאדע אין בערלין ...האט שוין ארויסגעשיקט קיין וואשינגטאן אן אויס־

פיהרליכען באריכט וועגען דעם ענין.

נ ײ ו ־ י א ר ק, 7 (יטא טעלעגר.)

דער פרעזידענט פון דעם אמעריקאנער יו־דישען קאמיטעט דר. סטיפען ווייז האט צונויפ־

גערופען אויף דעם 15. מערץ א גרויסע מאסען־פערזאמלונג פון די ניו־יארקער יודען, כדי צו שטיצען דעם בירגערמייסטער לאגארדיא געגען די נאצי־רכילות.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזער מיטארבייטער

בנימין זילבערבערג

צוליב'ן טויט פון זיין פאטער

רפאל נ"ע

דריקען אויס

רעדאקציע, אדמיניסטראציע און זעצעריי פון „נייעם פאלקסבלאט".

אוויעדאָ איינגענומען פון רעגירונגס-מיליטער
דורכ'ן שפּאַנישען רעגירונגס-מיליטער
דער נייער אַנגריף אויף מאַדריד אָפּגעשלאָגען געוואָרען

לאָנדאָן, 7 (ספּ. טעל.)

גענעראַל פראַנקאָ האָט פרייטאָג אין דער באַגלייטונג פון העכערע אָפיצירען פון גענעראַל-שטאַב, צווישען וועלכע ס'האָבען זיך געפונען פיל דייטשען און איטאַליענער, באַזוכט דעם מאַדרידער פראָנט, וואו ער האָט אויפגענומען אַ דעפילאַדע פון מיליטער.

דער באַזוך פון גענעראַל פראַנקאָ אויפ'ן מאַדרידער פראָנט שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָרשטייענדער גרויסער אָפענסיווע, וואָס ווערט ערוואַרט אויף מאַדריד.

אויפ'ן מאַדרידער פראָנט האָט גענעראַל פראַנקאָ צוזאַמענגעצויגען זיין פאָרפיגונג 3 קאָרפּוסען מיליטער. די אָפענסיווע ווערט ערוואַרט יעדע מינוט.

דערווייל אָבער זעצט דאָס רעגירונגס-מיליטער ווייטער פאָר איהרע זיגרייכע אַקציעס. בעת די נעכטיגע שלאַכטען ביים אוניווערזיטעטס-אַפּשניט, האָט דאָס רעגירונגס-מיליטער אויפגעריסען אין דער לופטען דעם בנין פון דער קליניק, וואָס פאַרנעמט אַ ברייט פון 60 מעטער, זענען אומגעקומען הי דערטער אויפשטענדיגע, וועלכע האָבען זיך דאָרט אויסבאַהאַלטען. דער דאָזיגער נצחון פון רעגירונגס-מיליטער האָט אַרויסגערופען אַ גוואַלדיגען ענטוזיאַזם אין מאַדריד. דאָס רעגירונגס - מיליטער האָט אויך אָפּגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון ביי טאָלעדאָ.

די שטאָט איז שוין פולשטענדיג אָפּגעשניטען פון אַלע זייטען. דער אַוואַנגאַרד פון די רעגירונגס-זעלנער האָט שוין פאַרנומען די ערשטע פאָרשטאָט.

די אויפשטענדיגע באַהאַלטען זיך ווידער אין אַלקאַזאַר. וואו זיי רעכענען צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד. אָוויעדאָ האָט דאָס רעגירונגס-מיליטער פולשטענדיג אָפּגערייניגט פון די אויפשטענדיגע, וועלכע פרובען זיך איצט דורכצורייסען דורך די רייהען פון רעגירונגס-מיליטער. אָוויעדאָ שטעלט איצט פאָר מיט זיך איין גרויסען חורבן. אַלע באַריהמטע היסטאָרישע בנינים ליגען אין חורבות.

א ים-שלאַכט איז פאָרגעקומען צווישען 2 באַסקישע קריגס-שיפען און דער באַריהמטער אויפשטענדיגער קריגס-שיף „קאַנאַריס", וועלכע האָט ווי באַקאַנט דערטרונקען אַ סאָוויעטישע שיף מיט 30 מאַטראָזען.

די שלאַכט האָט געדויערט 2 שעה. אין רעזולטאַט האָט „קאַנאַריס" זיך געמוזט צוריקציהען. די שיף איז געטראָפען געוואָרען דורך עטליכע צינדבאָמבעס און אויפ'ן מיטען ים האָט זי אָנגעהויבען ברענען.

מאַדריד, 7 (ספּ. טעל.)

דער גענעראַל - שטאַב מעלדעט, אַז אויפ'ן פראָנט אין אַסטוריע דויערט דער אַנגריף ווייטער אויף אָוויעדאָ. דאָס רעגירונגס-מיליטער האָט פאַרנומען זעהר וויכטיגע סטראַטעגישע פּאָזיציעס, פאַרנעמענדיג עטליכע הייזער. ס'באַשטעטיגט זיך די ידיעה וועגען דער מפלה פון די אויפשטענדיגע הינטער לאַ רעבאַלאַדאַ. די פאַרלוסטען פון די אויפשטענדיגע באַטרעפען 900 פּערזאָן. דאָס רעגירונגס-מיליטער האָט פאַרנומען אַלע וועגען, וואָס פיהרען קיין אָוויעדאָ, אַזוי אַז פאַר די אויפשטענדיגע איז אוממעגליך צו שיקען פאַרשטאַרקונגען.

מאַדריד, 7 (ספּ. טעל.)

דער קאָמוניקאַט פון פאַרטיידיגונגס-ראַט פון מאַדריד טיילט מיט, אַז אויף דעם צענטראַלען פראָנט האָבען אויפשטענדיגע אעראָפּלאַנען באָמבאַרדירט אַ רייה פונקטען, נישט מאַכענדיג דערביי קיין גרויסען שאָדען. פאַרטאָג האָט דאָס רעגירונגס-מיליטער אַטאַקירט די אויפשטענדיגע, איבערראַשנדיג די טעלעפאָן-ליניעס פון פראָנט, כדי אוממעגליך צו מאַכען דאָס אָנקומען פון הילף. די אויפשטענדיגע, איבערראַשט מיט דעם פּלוצלינגדיגען איבערפאַל, האָבען זיך צוריקגעצויגען, איבערלאָזענדיג הינטער זיך אַ סך טויטע און אַ גרויסע צאָהל געוועהר און אַמוניציע.

די באַרצעלאָנער ראַדיאָ-סטאַנציע גיט איבער, אַז די רעגירונגס-אַרטילעריע באָמבאַרדירט די קאָמוניקאַציע פון די אויפשטענדיגע אויפ'ן דרום-אָפּשניט פון טייך טאַג, ווי אויך די געוועהר-פאַבריק אין טאָלעדאָ. דער לופט-פלאָט פון די אויפשטענדיגע האָט באָמבאַרדירט דאָס רעגירונגס-מיליטער ביים טייך יאַראַמאַ. די אויפשטענדיגע אעראָפּלאַנען האָבען אויך אויסגעפיהרט אַן איבערפאַל איבער מאַדריד, נאָר זיי זענען אָפּגעשטויסען געוואָרען דורך דער אַרטילעריע און מאַשין-ביקסען פון דעם רעגירונגס-מיליטער.

וואַלענסיאַ, 7 (ספּ. טעל.)

ס'איז ערשינען אַ דעקרעט פון יוסטיץ-מיניסטעריום, לויט וועלכען אַלע טעפּאַנטעטע, וועלכע ... קאָנען באַווייזען, אַז זיי זענען געצוואונגען געוואָרען צו קעמפען אין די רייהען פון די אויפשטענדיגע וועלען באַפרייט ווערען. דאָגעגען די ... וועלכע האָבען פרייוויליג געקעמפט ... טראָגען די שטראָף-פאַראַנטוואָרטליכקייט.

פּאַריז, 7 (ספּ. טעל.)

פון שפּאַניען ווערט מיטגעטיילט, אַז די ... אָפענסיווע פון די פאַשיסטען אויף מאַדריד ... זיך געענדיגט נעכטען שפּעט ביינאַכט ... ליטער-אָפּטיילונגען זענען אָפּגעשטויסען ... מיט גרויסע פאַרלוסטע.

פּאַריז, 7 (ספּ. טעל.)

„האַוואַס" מעלדעט פון מאַדריד: נעכטען ... אָרגעגער האָבען די אויפשטענדיגע אונטערנומען ... אַן אַנגריף אין אוניווערזיטעטס - פערטעל אין ... ריכטונג פון שאָסיי לאַ-קאָרונאַ און אין דער ... געגנט פון פּאַרדאָ. דאָס רעגירונגס - מיליטער האָט ערפאָלגרייך אָפּגעשלאָגען דעם אַנגריף. די ... פלאַנען פון די אויפשטענדיגע האָבען באָמבאַרדירט מאַדריד.

לאָנדאָן, 7 (ספּ. טעל.)

דער אונטער - קאָמיטעט פון נישט אינטערווענץ איז נאָך אַ זיבען-שעה'דיגער באַראַטונג, וואָס ... זיך געענדיגט נעכטען שפּעט ביינאַכט געקומען צו ... אַ פאַרשטענדיגונג בנוגע דער ים-קאָנטראָל. די ... טראָל ביי די גרענעצען פון שפּאַניען זאָל זיך ... הויבען דעם 13 מערץ.

אריער זאלען נישט טארען פארטיידיגען אין די געריכטען קיין יודען

בערלין (יט"א) „שוואַרצע קאָרפּס" — אָרגאַן פון די שוואַרצהעמדלערישע שטורעמיסטען און פון דער „געסטאַפּאָ" — פאָדערט אין לעצטען נומער, אַז עס זאָל פאַר אַרישע אַדוואָקאַטען אַרויסגעגעבען ווערען אַ פאַרבאָט צו פאַרטיידיגען יודען אין די געריכטען. די צייטונג מיינט, דאָס הגם טייל יודישע אַדוואָקאַטען האָבען נאָך דאָס רעכט אויפצוטרעטען פאַר די געריכטען, ווענדען זיך אָבער אָפט יודען צו נישט-יודישע אַדוואָקאַטען צו פאַרטרעטען זיי פאַר די געריכטען, היות זיי גלויבען, דאָס זייענדיג פאַרטיידיגט דורך אַרישע אַדוואָקאַטען האָבען זיי גרעסערע שאַנסען צו געווינען. דעם פּראָצעס, בעת לאָזענדיג זיך פאַרטיידיגען דורך יודישע אַדוואָקאַטען. און כמעט ווי זיכער, אַז זיי וועלען זייער פּראָצעס פאַרלירען. (באַמערקונג פון רעדאַקציע: מען קען אָנטעמען, אַז עס איז ווירקליך אַזוי ווי עס אַרגומענטירט דער אָרגאַן פון דער „געסטאַפּאָ"; אין דעם פאַל איז עס אָבער קודם כל אַ צייגעניש פאַר דער „יוסטיץ" פון די געריכטען אין דייטשלאַנד — אַ צייגעניש וואָס ווערט אויסגעשטעלט דורך די איבערשטע אָנהענגער פון דער דאָזיגער „יוסטיץ").

געבעלסעס טענות צו טשארלי טשאַפּלין

בערלין (יט"א) דער „אַנגריף" — אָרגאַן פון פּראָפּאַגאַנדע - מיניסטער ד"ר געבעלס — גרייפט אָן טשאַרלי טשאַפּלין הערפאָר, וואָס ער האָט געשיקט אַ באַגריסונגס - דעפּעשע דער נייער ליגע - אָריענטירטער פראַנצויזישער אָוונט-צייטונג אין פּאַריז „סע סואַר". דער „אַנגריף" פאַרפעלט נאַטירליך נישט פאָרצוואַרפען דעם באַריהמטען פילם-אַרטיסט זיין יודישען אָפּשטאַמונג.

מיין חשובן פריינט
ב. זילבערבערג
צוליב'ן טויט פון זיין ליבען
פאטער נ"ע
מיין טיפסטען מיטגעפיהל
מ. גאלדמאן.

אונזער ח' פריינט משה פאזנאנסקי און דער שווער-געטראָפענער פאַמיליע אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע)
צוליב'ן טויט פון זייער אומפערגעסליכען
יואב מאיר
דעם הארציגסטען מיטגעפיהל
י. אבערזשאנעק און פרוי.

וויכטיג פאר ווייז- און בראנפען-סוחרים
די פירמעס: הרב סענדער זילבער (לובלין), שמואל אייכענבוים (שידליסקא) און נעזעלש. „יאַש" (ווילנא) מאַכען באַקאַנט, אַז די פּערטיעטונג אויף לאָדז און לאָדזער וואָיעוואָדזטווע, האָבען מיר איבערגעגעבען דער פירמע
„HALWIN" (אינה.: ה. ליבערמאַן) לאָדז, פּאָלנאַצנאַ 10.
טעל. 219-40. קאָנטאָ פּ.ק.אָ. 602-275.
די געעהרטע אָפּנעהמער ווערען דערום געבעטען וועגען בעסטעלונגען אויף פּסח'דיגע שפּירט 96-ער, בראַנפען 55-ער און 45-ער, שליוואָוויץ 70-ער, 55-ער און 45-ער, ווי אויך ליקער 40-ער, זיך צו ווענדען אויסשליסליך צו אונזער פערטרעטער.
די פּראָווינץ ווערט געבעטען ביי בעסטעלונגען איינצוצאָהלען 25 פּראָצ. פון בעטראַג אויף קאָנטאָ פּ.ק.אָ. 602.275 פאַר דער פירמע „HALWIN" לאָדז.

קמח של פסח
תחת השגחת הראבינאט דפה לודז.
בעקאַנטמאַכונג פאַר לאָדז און פּראָווינץ!
די איינציגע מיהל
„עלעקטראַמלין"
איז געכשרט אונטער דער השגחה פון היגען ראַבינאַט, ס'איז איבעריג צופיל צו רעקלאַמירען, בעוויל אין דעם זענען אונזערע ג' קונדען איבערצייגט, אַז דאָס בעסטע און שענסטע זעמעל מעהל אויף מצות בעקומט מען נאָר ביי אונזער פירמע „עלעקטראַמלין" לאָדז, זאַקאָנטנאַ 47, טעל. 147-40, וועלכע איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר די רייניקייט און פּינקטליכע ליפערונג לויט יעדענס פאַרלאַנג. בעסטעלונגען ווערען שוין אָנגענומען פּערזענליך אָדער דורך טעל. 147-40.
מיט אַכטונג
Firma „Elektromłyn" Łódź
Zakątna 47, tel. 147-40.

געדענקט!
אַז קויפען סחורה
איז נאָר ביי
שטשענשליווי
וואו ס'געפינט זיך אויף לאַגער צום זומער-סעזאָן
אַ גרויסער אויסוואַהל פון אָריגינעלע
ביליצער און טאָמאַשאָווער סחורות
אויף אַנציגער און פאַלטענס
פון די בעסטע קוואַליטעטען —:— קומט און איבערצייגט אייך
R. SZCZĘSLIWY
לאָדז, 5 נאַוואָמיעיסקאַ 5
טעל. 156-09.
געדענקט פראָנט II שטאָק.

וויכטיג
עקספּעדיענטקעס
צו ערפרעגען אין „Bar ala Fourchette" פּיעטריקאָווער 62. בעפאָרצוגט קוואַליפיצירטע, וועלכע האָבען שוין געאַרבייט אין דער בראַנזשע.

וויכטיג פאַר דאַמען
נאָר 2 זל. ... פאַר ...
מאַכט די עלטסטע
היטעל
אויף גאַנץ ניי
אויך נייע היטעל
3.50
„TOLA"
25 Zawadzka 25

Dr. RÓŻANER
ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען
9 נאַרוטאָוויטשאַ 9
נעהמט אָן פון 9 פריה ביז 1 ביינאַכט
און פון 5 ביז 8 אָווענד.

אויערען, נאָז און האַלז
און לונגען-קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. RAKOWSKI
פּיעטריקאָווער 67. טעל. 27-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוה... אָפּעראַציע א. אָז. ו. ווי אויך אַמבולאַ... רישעס פון 2-9 און פון 4-8 אָווענד
ביי דער קליניק איז מעגליך
א רענטגען-גאַבינעט
פאַר דורכלייכטונגען און אָלעראַיאַטאַגראַפיען

Dr. med.
M. TAUBENHAUS
ספּעציאַליסט
פאַר אָקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
סעראָהיבונג געגען שוואַנגערשאַפט
... שער 11, טעלעפאָן 09-...
נעמט אָן פון 8-9 פריה און פון 4-8 ...

Dr. med.
P. Braun
ספּעצ. פאַר טריפּער. סיפיליס און הויט - קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 100-57
נעמט אָן פון 8—2 מיטאָג און פון 4—9 אָוו.
ספּעציעלער ווארטע-זאַל פאַר פרויען.
פאַר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פּרייזען

Dr. med.
GUSTAW KOHN
געוועזענער אַסיסטענט פון דעם גינעקאָלאָגישען קליניק אין פּאַריז.
ספּעצ. פאַר פרויען - קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט).
ספּעצ. פון היילען אונפרוכטבאַרקייט
פּילסודסקיעגאָ 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 4—8 אָווענט

אַ האַרציגען פאַהר-געזונט
ווינשען מיר אונזער געעהרטען פּרעזעס
חיים אשר לובאַכינסקי
און מיר ווינשען איהם, ער זאָל צוריקקומען געזונטערהייט.
די פאַרוואַלטונג
פון פיש-סוחרים-פאַראיין

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פאַר לונגען, האַרץ און סקלעראָז קראַנקהייטען
145 פּיעטריקאָווער
טעל. 126-02
נעמט אָן פון 9-10 פריה, 3-5 און 8-9 אָוו.

ד"ר העללער
ספּעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער - שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט
זונטאָג פון 10—2 מיטאָג.
פאַר פרויען – אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזען

Dr. med. Niewiążski
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט - קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער - שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פראָנט, 1טער שטאָק
נעהמט אָן פון 8-11 און פון 5-9 אָוונט
זונטאָג און יום טוב פון 9-1 נאָכמיטאָג.
ספּעציעלער וואַרטע - זאַל פאַר פרויען
נעמט אָן פון 9-11 און פון 6-8 אָוונט

Dr. med.
J. Nadel
ספּעציאַליסט פון אַקושעריע- און פרויען-קראַנקהייטען.
אַנדזשעיאַ 4, טעל. 228-92
נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוו.
אין דער לעטשניצע בזשעזשינער 11 פון 12 ביז 1 ביינאַכט.

Doktór
C. J. Prawda
אינערליכע קראַנקהייטען
זגיערסקאַ 20 טעל. 133-26
נעמט אָן פון 5—7 אָוונד.

גרויסע רעדע פון פראפ. שאר אויף דער פלענאר־זיצונג פון סענאט

ווארשא, 7 (טעלעפאניש)

מיר ברענגען אויספיהרליך די רעדע, וועלכע ס'האט געהאלטען פראפ. משה שאר אויף דער פרייטאג'דיגער פלענאר־זיצונג פון סענאט.

איך האב געהאט דעם כבוד — הויבט אן דער רעדנער — צו זיצען אין סענאט אויפן סמך פון דער נייער קאנסטיטוציע און לויט דער נאמינאציע פונ'ם מלוכה־פרעזידענט, אלס פולפארעכטיגטער בירגער פון דער מלוכה. נאך קנאפע צוויי יאהר האט זיך מיין לאגע טרויעריג געביטען. איך פיהל זיך, ווי אויסער די ראהמען פון דער מלוכה, מחוץ די גרעניצען פון דער אלגעמיינער הערטלעכער ארדנונג אין לאנד. איך געפין מיך אין א מצב, וואס ווערט דורך יוריסטען אנגערופען „עקס־לעקס" (אויסערן געזעץ). א רייהע מאסנגעבענדע ערקלערונגען האבען פאזיטיווט מיך צוזאמען מיט דריי מיליאן אנדערע יודען פון דער פוילישער באפעלקערונג און אפילו פון דער קאטעגאריע נאציאנאלע מינדערהייטען. **מיר זענען אוועקגעשטעלט געווארען אויסער די גרעניצען פון דעם באפעלקערונגס־פאקטאר אין דער מלוכה.** מען האט אונז פארוואנדעלט אין א דריי־מיליאניגער גרופע קאנדידאטען אויף עמיגראציע.

אין משך פון א קורצער צייט ביי א נישט געענדערטער קאנסטיטוציאנעלער ארדנונג, האט מען, סיי רעכטליך, סיי ווירטשאפטליך, מיך דעגראדירט צו דער מדרגה פון אן עמיגראנט „אין ספע" (א קאנדידאט אויף עמיגראציע), וואס רעפרעזענטירט עפעס א פרעמדע, ציטווויליגע גרופע אנגעלאפענע יודען. איך בין מיך מודה, אז איך האב נישט געקאנט פאראויסזעהן די דאזיגע פארוואנדלונג און איך בין דעם דאזיגען צושטאנד נישט אומשטאנד צו פארבינדען מיט דער פארפליכטענדער קאנסטיטוציע און אויך נישט מיט מיין נאמינאציע.

אין דער יודען־פראגע רעדט מען היינט אויף א גאנצער רייהע שפראכען אזוי, אז אומזיסט זוכען מיר א וועג ארויסצוקריגען זיך פון דעם דאזיגען לאבירינט פון אנשויאונגען און מיינונגען. מיר האבען פשוט פארלוירען די אריענטאציע.

אלזא, קודם כל רעדט מען צו אונז מיט דער שפראך פון דער קאנסטיטוציע. האט נעמט די מלוכה ארום מיט איהר שוץ אלע בירגער פון דער מלוכה אהן אונטערשיד. **אלע אהן אויסנאם דארפען, לויט דער קאנסטיטוציע, טראגען די זעלבע פליכטען און דערפאר געניסען פון אלע רעכט. קיין שום אונטערשיד, קיין שום באגרענצונגען און קיין שום פריווילעגיעס.**

ליידער איז די אפריל־קאנסטיטוציע געווארען אן ווערטפולער, אבער ארכיוואלער דאקומענט, וואס ווערט ארויסגענומען פון קדשי קדשים בלויז אין פייערליכע מאמענטען, כדי זיך צו שפיגלען אין דער דאזיגער פרייהייטס־קארטע פון גרויסען זיך מיט איהר כלפי־חוץ.

אין גרויען אלטאג איז אויף ראנד פון דער קאנסטיטוציע אנטשטאנען א נייע ארדנונג, וואס איז אין באצוג צו דער יודען־פראגע שוין כמעט אינגאנצען אין גייסט פון די טאטאלע און ראסיסטישע קאנצעפציעס.

פאראן א צווייטע שפראך, אין וועלכער מען רעדט צו אונז אין אויסלאנד־פאלען. דאס איז די שפראך פון דיפלאמאטען. מיט דער דאזיגער שפראך רעדט דער אויסערן־מיניסטער צום פעלקער־בונד און קינדיגט דעם א. ג. קליינעם ווערסאיילער טראקטאט מיט אן ערקלערונג, אז די קאנסטיטוציע פון דער פוילישער מלוכה היט שוין גענוג די אינטערעסען און רעכט פון די נאציאנאלע מינדערהייטען. ווערט נישט לאנג האט דער מיניסטער ערקלערט דעם זשענעווער קארעספאנדענט פון „ניו־יארקער טיימס", אז פוילען איז נישט אנטיסעמיטיש און אז דאס יודישע פראבלעם איז בלויז א געזעלשאפטליכער ענין, אבער נישט קיין פאליטישער. א צווייט מאל האט דער מיניסטער אין דער בודזשעט־קאמיסיע ערקלערט, אז עס איז נישטא קיין פראגע פון יודישער עמיגראציע, עס איז דא בלויז א פראגע פון דער אלגעמיינער איבערבעפעלקערטקייט, וואס באציהט זיך אין א גלייכער מאס צו דער פוילישער, ווי צו דער יודישער באפעלקערונג. און דער דאזיגער דיפלאמאטישער שפראך כלפי־חוץ ריכטעט זיך נישט פוילען מיט א ספעציעלער אומסימפאטיע לגבי יודען און די יודען־פראגע איז דאן בלויז אן אינערליך־ווירטשאפטליך פראבלעם.

פיל בלאסער איז די דריטע שפראך — די שפראך מיט וועלכער די רעגירונג רעדט צו אונז אין לאנד. אין דער דאזיגער שפראך האט דער פרעמיער אין זיין נאמען אפענהארציגקייט ארויסגעזאגט די שוין באריהמטע ווערטער: „עקאנאמישער קאמף — אווו־שעם". און דערנאך האט ער אין א רעדע אין פאריגען יאהר ערקלערט, אז „מיר געפינען שטרענג אבסהנג, אז עס זאלען נישט זיין „קיין אנטי־יודישע עקסצעסען", אי „אלע פאלען פון עקסצעסען ווערען שטרענג באשטראפט". דאס מאדלען די אנטי־יודישע עקסצעסען האלט א פנים דער פרעמיער פאר א הויפט אויפגאבע און אפשר אויך — פאר דער איינציגער אויפגאבע פון דער רעגירונג לגבי דער יודישער באפעלקערונג. ווייל צוויי מאל האט ער ווטען דעם זעלבען געזאגט. דאס איז אויך א דאנקבארע טעמע פאר בילדונגס־מיניסטער ר., וועלכער האט פייערליך עטליכע מאל געטאדעלט די אנטיסעמיטישע עקסצעסען אין די הויכשולען, הגם נאר די דאזיגע רייד איז נישט נאכגעקומען קיין שום קאטעגארישע פארארדנונג.

אזוי זעהט אויס אינזער לאגע. דאס יודישע פראבלעם רירט זיך ביי דער רעגירונג ארום אין זאך: שיצען דאס יודישע לעבען און פארמעגען פון גוואלד־טאטען, אנפאלען און רויבעריייען. אויף דעם געביט קאן די רעגירונג זיך אפשר באריהמען מיט געוויסע ערפאלגען, ווייל ווי דער **פרעמיער האט פעסטגעשטעלט אין דער סיים־קאמיסיע, האט ער בלויז אויפן שטח פון דער ביאליסטאקער וואיעוואדשאפט געהאט די אויפגאבע צו שיצען דאס יודישע לעבען אין 348 פאלען** — אן אויפגאבע, וואס איז באמת נישט לייכט צו אויספיהרען.

אבער אויך אין די ראהמען פון שטראף־קאדעקס וואס דארף פאר די יודען פארטרעטען די קאנסטיטוציע און דעם פרינציפ פון בירגערליכער גלייכבאהאנדלונג, איז אונזער לאגע זעהר א טרויעריגע. גענוג, אז איך וועל דא דערמאנען דעם פסיכאז פון היזגרויטער פראצעסען פאר באליידיגען ס'פוילישע פאלק. גענוג ווען איך וועל דא דערמאנען די מילדע אורטיילען אין די פראצעסען פאר אנטי־יודישע עקסצעסען און דאס אפלעגען דאס אויספיהרען די חאזשינע שטראפען, וואס מאכט צונישט אלע סאנקציעס, גענוג ווען איך וועל דא דערמאנען וועגען די פיל אנטי־יודישע ארויסטרעטונגען, וואס ענדיגען זיך מיט דעם סטערעאטיפישען תירוץ, אז מען האט נישט אנטדעקט די פארברעכער, אדער — אז עס זענען נישטא קיין גענוגענדע באווייזען.

אבער חוץ דער דאזיגער פרימיטיווער שוץ, וועלכע געהערט צו די פליכטען פון דער רעגירונג לגבי יעדען בירגער, ווערט דאס איבריגע פון דער יודען־פראגע אין דער אמטליכער שפראך רעדוצירט צום לאזונג פון אן עקאנאמישען קאמף מיט די יודען.

אבער די אמטליכע מאסגעבענדע שפראך, מיט וועלכער דאס יודישע פראבלעם הערט צו אונז, איז די שפראך פון דער ווירקליכקייט. אין דער דאזיגער שפראך וואקסט אויס די יודען־פראגע — להיפוך צו דער מיינונג פון דער רעגירונג, וועלכע זעהט גארנישט א חוץ די עקסצעסען — צו דעם וויכטיגסטען פראבלעם פון פוילען אין איצטיגען מאמענט, דא קריסטאליזירט זיך אויס דער פיל־באדייטענדער „אורשאנ'ער"־לאזונג אין א פילשטענדיג קאנקרעטע פראגראם פון באיקאט און ווירטשאפטליכער עקסטערמינאציע ביז צו א חורבן און ביז דער איינציגער לעזונג: יודישע אויסוואנדערונג פון פוילען.

נאך מיט א יאהר צוריק האט דער אינערן־מיניסטער ראמשקעוויטש כאראקטעריזירט די אנטי־יודישע אקציע פון די ענדעקעס אלס א דיווערסיע און איצט זענען מיר עדות פון דעם טרויעריגען פאקט, אז דער רעגירונגס־לאגער הויבט אן איבערצונעמען די ענדעקישע אידעאלאגיע. עס האבען מיר דא ערשט נישט לאנג געהערט אין סענאט, **אז דער אנטיסעמיטיזם איז נישט דאס אייגענטום בלויז פון די ענדעקעס**, נאר ער נעמט ארום וואס ווייטער אלץ ברייטערע קרייזען אין לאנד. דער אונטערשיד באשטייט אלזא נאר דערין, וואס די ענדעקעס ווילען זיך מיט אונז אפטער'ן שטעל און ברוטאל, — איך וואלט געזאגט. לויט דער מעטאדע פון דער מאכאנישער שחיטה און די סאנאציאנישע אנטיסעמיטען ווילען דא מאכען לאנגזאם, שטופענווייז „קולטורעל". לויטן סיסטעם פון דער הומאניטארער שחיטה". איך בין זיך מודה, אז מיר איז א קנאפער חילוק, צי מען שלאגט „קולטורעל" אדער ברוטאל. דאס „קולטורעלע" סיסטעם איז נאך געפעהרליכער, ווייל דאס ווערט געמאכט „אויף קאלט" ראפינירט, פלאנמעסיג און ארגאניזירט. עס כאפט אן אן עקעל ווען מיר הערען, אז בעגריפען פון קולטור ווערען אנגעווענדעט צו אזעלכע צוועקען.

איינע פון די פאלשע טעאריעס איז די טענה, אז יודען זענען פלומרשט אן אנגעלאפענער עלעמענט אין פוילען. גראד אין דער דאזיגער פראגע פיהל איך זיך באזונדער בארעכטיגט צו רעדען, ווייל שוין צענדליגער יאהרען ווי איך ווידמע זיך דער פארשונג פון דער יודישער געשיכטע אין פוילען און האב שוין וועגען דעם פארעפנטליכט א רייהע ווערק. איך וויל אלזא, קודם כל דערמאנען, **אז שוין אין 11־טען יאהרהונדערט האבען יודען געוואוינט אין די מערב־געגנטען פון פוילען און אויך אויף די מזרח־גרעניצען זענען געווען פיל יודישע ישובים.**

אויפווייזענדיג מיט א רייהע געשיכטליכע דאקומענטען און פאקטען, אז יודען לעבען שוין אין פוילען איבער 800 יאהר, זאגט דער רעדנער:

— מיר זענען אלזא נישט קיין פרעמדע, נישט קיין געסט. **שוין הונדערטער יאהרען. אז אונזער לעבען האט זיך ארגאניש פארבונדען מיטן לעבען פון פוילישען פאלק,** געטיילט מיט איהם לייד און פרייד, געבראכט גרויסע קרבנות פון בלוט און פארמעגען, פארטיידיגט די פוילישע שטעט אין די צייטען פון די קאזאקישע בונטען און שוועדישע מלחמות. לאמיר אלזא לאזען צוזאמען די פאלשע און נארישע טעאריעס.

איך פרעג: צי מיט אזא פאליטיק לגבי 2 מיט א האלבען מיליאן בירגער ווערט פארגרעסערט די פארטיידיגונגס־קראפט פון דער מלוכה? א חוץ הארמאטען און קוילען־וואדפער. מוז דאך קודם כל דער בירגער זיין צוגעבונדען צו דער מלוכה, וועלכע ער דארף פארטיידיגען, צי איז אלזא אזא עקסטערמינאציע־פאליטיק אין הסכם מיט'ן מלוכה־אינטערעס? נישט איך דארף געבען דעם ענטפער דערויף.

דער רעדנער ענדיגט זיין רעדע מיט פאלגענדע ווערטער:

דער אויסגאנגס־פונקט פון מיין איצטיגער רעדע איז די פולשטענדיגע דעזאריענטאציע, אין וועלכער מיר יודען געפינען זיך אין איצטיגען מאמענט. איך האב שוין פריהער באמאנט, אז מען רעדט צו אונז אין פיר שפראכען, אבער עס האט זיך די לעצטע טעג געהערט נאך א שטים: די אזוי גערופענע דעקלאראציע פון פולק. קאץ. די דאזיגע שטים האט עס פאראייניגט דעם ווילען פון גאנצען פאלק אונטער איין אינהייטליכער ליטונג פון דעם מענש, וועלכער איז איצט דער לעבעדיגער סימבאל פון די אידעען פון ערשטען פוילישען מארשאל, און אז מיט וואס פארא שפראך עס רעדט די דאזיגע דעקלאראציע צו אלע בירגער בכלל און צו אונז יודען בפרט, איך האב דעם איבערהויך, אז זי רעדט צו אונז מיט די אלע פריהער דערמאנטע שפראכען.

סוף, שאר פיהרט אויס, אז דאס שטויסען פוילען אויפן וועג פון טאטאליזם און „פיהרער"־סיסטעם פיהרט צו חורבן'ירען דעם בירגער פון דער מלוכה, צום שאדען פון דער מלוכה און צום באשוועלה'ן מיליאנען בירגער. מיר שטייען אויפן שטאנדפונקט פון דעמאקראטיע און פארלאמענטאריזם. מיר ווילען נישט אפשטיין איינס קאמף פאר די בירגערליכע רעכט, וואס זענען אונז גאראנטירט אין דער קאנסטיטוציע. אויב אונזערע פאסטולאטען וועלען נישט פארווירקליכט ווערען, וועלען מיר זיין געצוואונגען צו רעווידירען אונזער ביז־איצטיגע פאליטישע שטעלונג, אלס אויסדרוק פון דריטגעטהען פראטעסט וועגען דעם, וואס עס ווערען נישט רעספעקטירט די גרונד־געזעצען פון דער רעפובליק לגבי דער יודישער באפעלקערונג, וועלען מיר, אין הסכם מיט דער דעקלאראציע פון דער יודישער קאלא, שטימען געגען בודזשעט, מאכענדיג אן אויסנאם בלויז פארן קריגס־בודזשעט, וועלכער איז אן'אפאליטישער און שטייט איבער אלע פראגען.

וועלט־פעראייניגונג פון די אלגעמיינע ציוניסטען

שויז אויסגעארבייט די וואהל־פראגראם צום 20־טען קאנגרעס

סעסיע פון דער אייראפעאישער עקזעקוטיווע פון דער וועלט־פעראייניגונג אין לאנדאן

לאנדאן, 7 (יט"א טעלעגר.)

אונטערן פארזיץ פון רעוו. י. ק. גאלדבלום איז דא פארגעקומען א זיצונג פון דער אייראפעאישער עקזעקוטיווע פון דער וועלט־פעראייניגונג פון די אלגעמיינע ציוניסטען. אין די בעראטונגען האט זיך אויך באטייליגט דער פארזיצער פון דער א"י־עקזעקוטיווע פון דער „וועלט־פעראייניגונג" ה' קורט בלומענפעלד.

נאכ'ן ארומרעדען די פאליטישע לאגע זענען אויף דער זיצונג פארמולירט געווארען א רייהע פארשלאגען, וואס שטרעבען צו קאנסאלידירען די ציוניסטישע ארגאניזאציע און מאכען נאך מעהר אינטענסיוו די ציוניסטישע פראפאגאנדע. די דאזיגע פארשלאגען וועלען בילדען דעם יסוד פון דער פאליטיק פון דער „וועלט־פעראייניגונג" אויף דעם פארשטייענדען ציוניסטישען קאנגרעס.

עס איז באשלאסען געווארען צונויפצורופען אויף סוף אפריל ה. י. אן אייראפעאישע קאנפערענץ פון דער „וועלט־פעראייניגונג". אויף דער דאזיגער קאנפערענץ וועט די עקזעקוטיווע פארשטעלען אן אויספיהרליכען פראגראם, וואס וועט דינען אלס פלאטפארם צו דעם 20־טען ציוניסטישען קאנגרעס.

שרפה אין פרעזידיום פון מיניסטערען־ראט

ווארשא, 7 (טעלעפאניש)

א שרפה איז אנטשטאנען נעכטען אין בנין פון מיניסטערען־ראט אויף קראקאווער פארשט. איינער פון די דינער האט פראטערירט מיט אן עלעקטרישען אפאראט די פאדלאגע אין גרויסען זיצונגס־זאל, די פאדלאגע איז געווען פריהער געשמירט מיט בענזין. אין א געוויסען מאמענט איז פון דער עלעקטרישער פראטערקע נעפאלען א פונק און פון דאזיגען פונק האט זיך שנעל אנגעצונדען די גאנצע פאדלאגע, די פלאמען האבען שנעל ארומגעכאפט די דערנעבען שטעהענדע בענזין־פלעשער און עס איז געקומען צו אן אויפרייס.

דער דינער האט אויפגעהויבען אן אלארם און געפרובט דערווייל אליין איינצולעשען דאס פייער, באקומענדיג שווערע בראנד־וואונדען.

אויפן ארט פון דער שרפה זענען געקומען עטליכע אפטיילונגען פייער־לעשער, וועלכע האבען די שרפה לאקאליזירט. דער דינער איז אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

געוואלדיגער שטורעם איבער קאמטשאטקע

מאסקווע, 7 (ספ. טעל.)

די „טאס"־אגענטור מעלדעט פון פעטראפאוולאווסק אויף קאמטשאטקע, אז דעם 6 ד. ח. איז איבער קאמטשאטקע אדורך א געוואלדיגער שטורעמווינד, וועלכער האט געמאכט געוואלדיגע פערוויסטונגען. פרטים פעהלען.

אויספלוג קיין וויען
פרייז 135 זל.

אויספלוג קיין לאנדאן און פאריז
ערלעדיגט
דאס וועלט־רייזע־ביורא
Union Lloyd
42 פיעטריקאווער 42
טעל. 107־87.

דער יוד. וויצע־סעקרעטאר

פון דער א"י־רעגירונג איבערגעפיהרט קיין אוגאנדע

לאנדאן, 7 (יט"א טעלעגר.)

אין אן אפיציעלען קאמוניקאט, וואס איז פארעפענטליכט געווארען דורך דעם קאלאניאל־אמט, ווערט געזאגט, אז דער וויצע סעקרעטאר פון דער א"י רעגירונג מ. נוראק (א יוד) איז באשטימט געווארען אלס וויצע הויפט סעקרעטאר פון דער רעגירונג אין אוגאנדא.

דער וויצע דירעקטאר פון פאסט דעפארטאמענט אין א"י ה' ג. ה. וועבסטער איז באשטימט געווארען אלס דירעקטאר פון דעם פאסט־דעפארטאמענט אין א"י.

מעקסיקע פיהרט נישט איין

קיין שום ראסען־באגרענצונגען פאר אימיגראנטען

מעקסיקא, (יט"א) אין צוזאמענהאנג מיט די ווארשעווער פרעסע־בעריכטען וועגען א רובריק צון ראסען־אנגעהעריגקייט אין די פראגע־בויגענס פאר אימיגראנטען קיין מעקסיקע האט זיך דער יט"א־פארשטעהער געווענדעט צו דער מעקסיקאנער מאכט וועגען אויפקלערונגען. אין די רעגירונגס־קרייזען איז גארנישט בעוואוסט וועגען וועלכע עס איג ראסען־באגרענצונגען פאר אימיגראנטען.

אין געוויסע קרייזען ווערט אבער געפיהרט א העפטיגע אגיטאציע פאר אפשטעלען די יודישע איינוואנדערונג, וואס עס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין די אנטי־יודישע אינצידענטען אויף דער לעצטער קאנפערענץ וועגען אימיגראציע־ענינים.

אין מעקסיקא ריכט מען זיך
אויף אזא בירגער־קריג ווי אין שפאניע
רעאקציאנערע עלעמענטען אין לאנד פאראייניגען זיך געגען איצטיגער פאלקס־פראנט־רעגירונג

פון א. ד. שטיינמאן

די לעצטע צייט קומען אן ידיעות פון מעקסיקא, וואס באווייזען, אז מען דארף נעהמען זעהר און זעהר ערנסט די קלאנגען, וואס האבען זיך נאך פריהער פארשפרייט, אז די רעאקציאנערע עלעמענטען גרייטען דארטען צו אן אויפשטאנד געגען דער איצטיגער ליבעראלער רעגירונג פון לאזאריא קארדעניאס.

ווען די קלאנגען האבען זיך אנגעהויבען פארשפרייטען, איז צווישען אנדערעס גערעדט געווארען, אז דער נייער אויפשטאנד ווערט אין מעקסיקא צוגעגרייט, פון איין זייט, מיט דער הילף פון איהר געוועזענעם פרעזידענט קאיעס, וועלכער איז לעצטענס געווארען אן אפענער פאשיסט, און פון דער אנדערער זייט פון געוויסען אמעריקאנער קאפיטאליסטען, וועלכע האבען מורא, אז אונטער דעם איצטיגען ליבעראלען רעזשים וועלען ליידען זייערע אינטערעסען דארטען..

די צוויי וויכטיגסטע לעצטע ידיעות פון מעקסיקא זענען:

1) אז די פאליציי האט מיט גוואלט צעטריבען א קאטוילישען גאטעסדינסט, וואס איז פאר לעצטען זונטאג אפגעהאלטען געווארען אין א פריוואטען הויז אין אריזאבא, וואס געפינט זיך אין דעם שטאט וועראַ־קרוז, און א מיידעל איז דערביי דערהרג׳עט געווארען, און

2) אז א פאר טעג שפעטער האבען אין דערזעלביגער שטאט אריזאבא פון 5 ביז 15 טויזענט מענשען מיט גוואלט פארכאפט און צוריקגעפאדערט אלע קירכען, וואס די רעגירונג האט געלאזט פארשליסען נאך פאראיאהרען, און אז דערביי זענען געקומען ווילדע סצענעס פון פייער און די פאליציי איז געשטאנען פון ווייטענס און האט זיך נישט אריינגעמישט.

נאך א מעלדונג פון דעם זעלביגען טאג זאגט, אז פרעזידענט קארדעניאס האט געגעבען א באפעהל צום אינערן־מיניסטער, אז ער זאל מאכען א פערזענליכע אונטערזוכונג וועגען דעם איבערפאל, וואס די פאליציי האט זונטאג געמאכט אויף דעם קאטוילישען גאטעסדינסט. און האט געהייסען באפרייען אלע, וואס זענען ביי יענעם איבערפאל ארעסטירט געווארען.

אבער ווי איז די לאגע אין דער אמת׳ן?

דעם בעסטען ענטפער אויף דעם גיט מאוריס האלפערין אין אן ארטיקעל, וואס ער האט פארעפענטליכט אין דעם פעברואר נומער פון חודש־זשורנאל „קארענט היסטארי". לויט דעם ארטיקעל קומט אויס, אז די קארדעניאס־רעגירונג איז שטארק, ווייל זי האט אויף איהר צד די ברייטע פאלקסמאסען. זי איז אבער נישט אויסער יעדער געפאהר, דערפאר ווייל זי האט געגען זיך אזעלכע געגנער, ווי די גרויסע לאנד־אייגענטימער, די אזוי גערופענע „האציענדאדאס", וואס — כאטש זיי זענען איצטער אפשר מעהר נישט אזוי מעכטיג, ווי זיי זענען געווען, זענען זיי אבער נאך אלץ גענוג מעכטיג אויף צו פארשאפען צרות. באזונדערס, ווען מען האט אין זינען, אז זיי, די גרויסע היימישע לאנד־אייגענטימער, וועלען שטענדיג געפינען מיטהעלפער אין דער היים, צווישען אנדערע עלעמענטען, וואס האבען, פונקט ווי זיי, מורא פאר דעם איצטיגען רעזשים, אין צווישען אויסלענדישע קאפיטאליסטען, וועמענס אינטערעסען עס שטעהען אויך אין קאן.

דער שטאט וועראַ־קרוז איז נישט דער צוריקגעשטאנענסטער שטאט און אויך נישט דער אממעהרסטען אנטוויקעלטסטער, נאר איינער פון די גרעסטע שטאטען אין מעקסיקא, פאנאטיש־רעליגיעז גוט באפעלקערט און געבענשט מיט א גרויסער פארשידענארטיגקייט פון נאטירליכע רייכטימער, א פעטער באדען ארייננגערעכענט, און מערקווירדיג, דער דאזיגער שטאט איז גלייכצייטיג דער ראדיקאלסטער און רעאקציאנערסטער פון אלע שטאטען אין מעקסיקא. נאך מעהר, דער דאזיגער שטאט שפייזט די הויפטשטאט מיט אלע געגענגעזעצטע סאציאלע און פאליטישע שטרעמונגען.

דאס איז דראמאטיש ארויסגעבראכט געווארען לעצטען יוני, ווען פאנסיא אלטאמיראנא איז דערמארדעט געווארען אין א רעסטאראן פון דער שטאט מעקסיקא. אלטאמיראנא, וועלכער איז געווען איינער פון די פעהיגסטע און פארגעשריטענסטע דעפוטאטען אין מעקסיקאנער פארלאמענט, איז געהאט אויסגעקליבען געווארען פאר גאוערנאר פון וועראַ־קרוז. עס איז באלד פעסטגעשטעלט געווארען, אז דאס איז געווען א פאליטישער מארד און אז דער מערדער איז געדונגען געווארען צו באגעהן דעם מארד פון איינעם פון די אייגענטימער פון די גרעסטע „האציענדאס" (גיטער) אין שטאט.

אלטאמיראנא איז אויך געווען איינער פון די פיהרער פון מעקסיקאנער פאלקס־פראנט, אן ארגאניזאציע, וואס איז ענליך צו דער קאאליציע אין שפאניע, וואס קעמפט איצטער געגען די פאשיסטישע רעבעלען. ער איז געווען אן איבערגעגעבענער פריינט פון די ארבייטער יוניאנס און פויערים־פאר באנדען. באלד נאכדעם ווי ער איז דערמארדעט געווארען האבען זיך פון אלע זייטען א שאט געטון פראטעסטען צום פרעזידענט קארדעניאס מיט א פאדערונג, אז נישט נאר זאלען די אמת־שולדיגע באשטראפט ווערען, נאר אז מען זאל אויך זעהן אויסראטען אלע רעאקציאנערען. די וואס האבען צוגעשיקט די פראטעסטען, האבען דערקלערט, אז דער מארד מעג דינען פאר א ווארנונג, אז די קליינע, אבער מעכטיגע, קליקע פון די פריצים איז גרייט צו באנוצען זיך מיט גוואלדטאטען, כדי צו דערגרייכען איהר ציל. אזוי האט מען געפיהלט אויף דער פראווינץ. אין דער שטאט מעקסיקא אבער האט מען אזא געפאהר נישט געזעהן.

ווען די איצטיגע קאנסטיטוציע פון מעקסיקא איז אנגענומען געווארען אין 1917, זענען אזוינע פעאדאלע צושטאנדען אפגעשאפט געווארען דורך דעם געזעץ. אבער דאס געזעץ איז געבליבען א טויטער בוכשטאב און די צושטאנדען זענען געבליבען דיזעלביגע ווי אמאל, היינט־צו־טאג האט די „האציענדא" א פריוואטע ארמעע, וואס באשטעהט פון עטליכע הונדערט מאן, וואס זענען אויסגעשטאט מיט די מאדערנסטע ביקסען און מאשין־ביקסען. מיט דער פריוואטער ארמעע באנוצט זיך נישט נאר די אייגענטימער פון דער איינער „האציענדא", נאר אויך די אייגענטימער פון די אנדערע שכנישע גרויסע פייצישע גיטער.

פון זינט קארדעניאס איז געווארען פרעזידענט האט ער זיך א נעהם געטון צו צעטיילען שטיקער לאנד צו גאנצע דערפער, וואס פארמאגען נישט קיין אייגענעם באדען. אבער ווען די פויערים דעם דיסטריקט האבען געוואלט נעמען באזיץ דעם באדען, האבען די „גאארדיאס בלאנקאס" (ווייס סע גווארדיסטען) ווי די פויערים רופען זיי, זיי טריבען מיט א האגעל פון קוילען. די רעגיר האט דערווייל גאר נישט געטון געגען דעם. זי אבער יא אין אנדערע געגענטען. אין איין געג האט די רעגירונג צוגענומען גרויסע גיטער פון פעאדאלע באראנען און זיי איבערגעגעבען צו די ערים, וואס האבען געמאכט א פארזוך זיי צו ארבייטען קאלעקטיוו, ווי דער פארזוך וועט איינגעבען בלייבט ערשט צו זעהן.

אונערהערטער שמוציגער אנפאל
אויפ׳ן ניו־יארקער בירגערמייסטער לא גארדיא
מצד דעם אפיציעלען ארגאן פון נאצי־דייטשלאנד

ווי באוואוסט איז צווישען די פאראייניגטע שטאטען און דעם היטלער־דייטשלאנד אנטשטאנען א קאנפליקט אין שייכות מיט א רעדע וואס דער ניו־יארקער בירגערמייסטער לא־גארדיא האט געהאלטען אויף א פארזאמלונג פון א יודישען פרויען־פאראיין.

אין נאציסטישען „פעלקישען באאבאכטער" פון 5־טען מערץ איז פארעפענטליכט געווארען א לאנגע דעפעשע פון ניו יארק וועגען דאזיגען פאל. די דעפעשע טראגט דעם קאפ: „איין שמוציגער טאלמוד יודע ווירט אונפארשעהמט".

ווייטער ווערט אין דער דעפעשע געזאגט:

„דער יודישער בירגערמייסטער פון ניו־יארק לא גארדיא, האט פאר טויזענטער פרויען, וואס זענען געווען פארזאמעלט אין שייכות מיט דער יעהרליכער פארזאמלונג פון דער פרויען אפטיילונג פון יודיש־אמעריקאנישען קאנגרעס אין האטעל „אסטאר" געהאלטען א ארדינערע רעדע, וואס העצט געגען דייטשלאנד. אין דער רעדע האט ער ערקלערט, אז די דייטשען ווילען צושטערען דעם וועלט שלום, ווי עס מעלדעט די צייטונג „ניו־יארק אמעריקען" האט לא גארדיא בוכשטעבליך ערקלערט פאלגענדעס:

„צוזאמען מיט די בנינים, וואס ווערען פראיעקטירט אויף דער וועלט אויסשטעלונג, וועל איך ארגאניזירען א פאנאפטיקום און וועל ארויסשטעלען אלס א צענטראלען פונקט די פיגור פון יענעם פאנאטיקער אין בר׳ינעם העמד, וועלכער באדראהט איצט דעם וועלט שלום. לא גארדיא האט ווייטער ווידער אויסגעפיהרט, אז די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע דארפען אנהויבען זיך אקעגענצושטעלען דער דייטשער באדראהונג".

די דאזיגע ידיעה פערזעהט דער „פעלקישער באאבאכטער" מיט פאלגענדע קאמענטארען:

אזוי קלינגט די שטימע פון דער אונטערוועלט. מיט דער דאזיגער אינטערוועלט האט זיך ביז איצט אינטערעסירט נאר די באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאטען און די פאליציי. אין טשיקאגא און אין אנדערע גרויסע שטעט לעבט מען אין אונאויפהערליכען קאמף געגען די אונפארשעהמטע ארויסטרעטונגען פון דער וועלט פון פארברעכער, רויב און סעקסואל מערדער, באנדיטען, קינדער־מערדער, מענשען־פאנגער, געגנסטער א. אז. וו. די וועלט ווייסט, אז דווקא אין די פאראייניגטע שטאטען איז דער דאזיגער קאמף הארט און שווער.

צו דער דאזיגער ארדינערער פארברעכער וועלט איז איצט צוגעקומען א דאנק דער פערזאן (?) יוד לא גארדיא א נייער מין שאבערקע, מיט וועלכער מיר האבען זיך שוין נישט איינמאל געמוזט פארנעהמען. דער דאזיגער יוד איז ארויסגעשווימען אויפ׳ן אמט פון הויפט בירגער־מייסטער פון דער גרעסטער שטאט פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע, א דאנק דער ספעציפישער קאנסטעלאציע פון די אומשטענדען, זיין ראלע און פון אייניגע אנדערע דארפען באוועגען די יוגענטליכע מענשען פון דער וועלט, איינצופיהרען נייע פארטיידיגונגס־מעטאדען געגען די דאזיגע פארברעכערישע טיפען, וואס א ביינען אונטער א פאליטישער מאסקע, ווייל דער שאדען, וואס עס מאכען אן אזעלכע פיגורען פון דער אונטערוועלט ווי לא־גארדיא, איז נאך גרעסער, ווי די שאדענס, וואס עס מאכען אן די קרימינאליסטען, וואס ארבייטען אפען.

די היינטיגע קוליסען מאכער פון די דאזיגע געשעהענישע זענען די יודען אין מאסקווע, די מערדער פון אונצעהליגע מיליאנען און הענדלער מיט׳ן טויט, וועלכע עס פאראייניגט א געמיינזאמע שפעקולאציע, א ווילען צו פארדינען מיליארדען, ווען אין דער נייער וועלט מלחמה וועלען אומקומען מיליאנען מענער, פרויען און קינדער. זיי האבען דאס אונטערגענומען דעם חוצפה׳דיגען פרוב צו באליידיגען אדאלף היטלער, וועלכער רעדט אין נאמען פון 68־מיליאנענדיגען דייטשען פאלק.

עס וואלט געווען נוצלאז זיך צו ווענדען אויפ׳ן אדרעס פון לא־גארדיאן מיט אויפקלערונגס ווערטער, מיר ווענדען זיך צום אמעריקאנישען פאלק מיט דער פעסטשטעלונג, אז דורך אזעלכע פרובען צו באליידיגען וועט פארמיאוסט ווערען נישט אדאלף היטלער און דאס דייטשע פאלק נאר די בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען און זייער גאנצע מלוכה, עס איז נאר א באשעמענדיגער אומשטאנד, אז אן אינדיווידואום באנוצט זיך אויף א עפענטליכע פארזאמ מיט אזעלכע באליידיגונגס פרובען און קען פארזיכערען, אז זיין העצען טראגט א פאליטי כאראקטער. דאס איז דער פאקטישער צושט איינס איז זיכער, אז אין מלוכות, וואס ווערען גירט אויף א מאדערנעם אופן, וואלט אזא ברעכער ווי לא גארדיא זיכער אונשעדליך געמ געווארען, ענטוועדער אין א משוגעים הויז, אין תפיסה".

מיט אזא קובעל שמוץ איז לא גארדיא געווארען דורך דעם נאציסטישען אפיציעלען פאר זיין אונשולדיגע באמערקונג, דייטשלאנד באדראהט דעם וועלט שלום, מוז נאך צוגעגעבען ווערען, אז לא גארדיא פארעהרט דורך דער גאנצער באפעלקערונג ניו־יארק אלס גלענצענדער ארגאניזאטא פער פון דער אורבאניסטישער מאכט פון דער סטער שטאט פון די פאראייניגטע שטאטען.

עס מוז נאך צוגעגעבען ווערען, אז לא גא איז נישט קיין יוד, נאר א איטאליענער און נאר מוטער איז פון יודישער אפשטאמונג.

לויט די לעצטע ידיעות פון וואשינגטאן, די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען זיך שולדיגט פאר דייטשלאנד פאר די באמערק וואס זענען אנטהאלטען אין לאנג גארדיאס רעד אנטשולדיגונג איז פארגעקומען אין דער פאר א ווארטליכער דעקלאראציע, וואס דער שע דער מערב אייראפעאישער סעקציע פון דעפארטאמענט דען האט אפגעגעבען פאר׳ן דער דייטשער אמבאסאדאר טהאמסען, דען האט קלערט, אז ער פארארטיילט די ווערטער וואס באליידיגט די דייטשע רעגירונג, אונטערשטר דיג, אז זיי זענען נישט געווען קיין אויסדרו שטאנדפונקט פון דער רעגירונג פון די פאראיי שטאטען, דען האט אבער דערביי בעטאנט, פרייהייט פון ווארט אין די פאראייניגטע שטאטען גאראנטירט דורך דער קאנסטיטוציע פאר אלע גער און ווערט באטראכט אלס א טייל פון דער יאנאלער ירושה.

אין קאמף פאר דער נשמה
פון דער פוילישער יוגענד

עס טומעלט זיך איצט אויף די שפאלטען פון דער פוילישער פרעסע מיט דער פוילישער יוגענד. א טייל זעהן אין איהר די פארקערפערונג פון די אידעאלסטע נאציאנאלע און מענשליכע מידות און לויבען זי ביז אין הימעל אריין. אנדערע ווידער זעהען די צוקונפט פון דער פוילישער יוגענד אין זעהר שווארצע פארבען און האלטען, אז זי איז ארונטערגעפאלען אונטער דער האקענקרייצלערישער השפעה פון טעוטאניש־נאציאנאלע דעמאגאגיע, וואס ווילען אויסנוצען די יוגענד צו זייערע נידריג־עגאיסטישע צוועקען. אפילו אין איצטיגען סיים און סענאט, וועלכע מען קען בכלל נישט חושד זיין, אז זיי האבען א טענדענץ פון באציהונג צו דער פוילישער יוגענד, הערען זיך פון צייט צו צייט ווארענענדיגע שטימען וועגען די פארווירטונגען, וואס עס מאכען אן אין די נשמות פון דער יוגענד. די אומפארטעליכע העצע, וואס עס ווערט געפיהרט מצד געוויסע פארטייען.

אין טעכטיגען „קורירער פאראנני" איז פארעפענטליכט געווען דאזיגע ענין א גרעסערער ארטיקעל, אין וועלכען עס ווערט צווישען אנדערעס געזאגט פאלגענדעס:

„ווער עס קוקט אויפן לעבען פון דער היינטיגער יוגענד דעם מוז איבערראשען דער אבסאלוטער טראגיזם פון איהר גייסטיגער לאגע. זי ווערט געשטויסען צום קאמף מיט דער רעאליזאציע פון די איינציגע אידעאלען. זי פארניכטעט די אוצרות פון איהר ענטוזיאזם און גוטע, ווילען אויף א טעטיגקייט וואס פרעגט פאקטיש און אין דער ווירקליכקייט שאדען איהר קומענדיגע צילען, וועלכע די דאזיגע יוגענט האלט גלייכצייטיג פאר ריכטיגע, וויכטיגסטע און פאר איהר אייגענע.

ווייל די היינטיגע יוגענט פרעדיגט נאציאנאלע און פאטריאטישע לאזונגען, פאדערט א שטארקע מלוכה און איהר הויפט אויפגאבע זעהען די ווערטער א גרויס פוילען.

און טאקע אין נאמען פון די דאזיגע לאזונגען אין נאמען פון דעם אזוי גערופענעם אידעאל פון דער פוילישער יוגענט ווענדט זי זיך אפ מיטן פנים פון אגרעסיע פון גרויסען שעפער פון דער פוילישער ארמעע און זיגרייכע פיהרער.

אין נאמען פון דער לאזונג וועגען א שטארקער מלוכה ווערט זי געלערנט פיינט צו האבען די אפריל קאנסטיטוציע, וועלכע רעאליזירט די דאזיגע שטארקע מלוכה.

אין נאמען פון נאציאנאלער איינהייט ווערט זי געשטעלט אין אוואנטורעס.

אין נאמען פון קאמף מיטן רויטען פראנט פון דער רעוואלוציע ווערט זי געשטופט צו מעשים, וואס אונטערגראבען די רעכטליכע ארדנונג אין פוילען, וואס זענען גלייך די אקציעס פון קאמוניסטען.

אין נאמען פון „קאמף מיט דער זשידא־מאסאנישער וועלט פון 19טען יאהרהונדערט", ווערט זי געשטעלט מיט מעטאדען, וואס זענען טיפיש פאר די מאסאנישע סעקטעס, אין וועלכע די פארטיי שטעלט העכער פאר דער מלוכה און שטעלט זיי אקעגען דער מלוכה.

אין נאמען פון די לאזונגען פון רייכסטען נאציאנאליזם ווערט די יוגענט אונטערגעעבען אונ רעוואלוציע פון פרעמדע נאציאנאלע דאקטרינען: איטאליענישע אדער דייטשע, שפאנישע אדער פראנצויזישע.

אין די יונגע הערצער, וואס בענקען צו העראישקייט און צו העראען, ווערען אונטערגעוויקט פרעמדע פיהרער און פרעמדע העלדען, נאר בכדי דער אונטער־וואקסענדער פוילישער דור זאל ני ווענדען זייערע בליקען איבער פוילישען לעבען אז ער זאל מער נישט אין פוילען ביי זיך, געפינען זיך נישט אנטדעקען די גרויסקייט פון שען און נישט די גרויסקייט פון מעשים. מען אונטער מוסאליני, אדער היטלער, קעמאל פא צי אפילו דעם גענעראל פראנקא, נאר בכדי זיי לען נישט זעהען יוזעף פילסודסקי, נאר בכדי זאלען נישט גלויבען אין רידז־שמיגלי׳ן".

און די צייטונג האלט, אז עס איז שוין די העכסטע צייט צו מאכען א סוף צו דער לאגע:

די ביז־אויצטיגע מיטאדען האבען פארפ ראם מילדע איינרעדען, ליבעראליזם און דאס ליידען צו די גוטע אינסטינקטע פון דער יוגענ וואס מען האט אנגעווענדעט אין די לעצטע יאהר, האבען געגעבען פונקט א פארקערטע לונג, ווי מען האט ערווארט. די אנארכיע פון ווערזיטעטס לעבען האט דערגרייכט הויכע אין פענהען יאהר א גרעסערע שפאנונג, ווי ווען אמאל געווען".

דער אויטאר ווייזט דאן אן ווער עס איז דיג אין דעם דאזיגען צושטאנד:

פאר אונז אין די אויגען קומט פאר א מאטיישע און אהנאנייזירטע ארבייט פון פאר די נשמה פון דער פוילישער יוגענט.

איהרע גוטע אינסטינקטען, וואס וואלטען לויענט זיין אן אומשעצבארע מאטעריאל פאר יאסטייטשער ארבייט און העדליכער שאפונג, געמאכהנעוועט אין שרייענישען, פלוידערייען אויסלעבען זיך אין פרובאלאציע און נשטאטווא

(ווייטער זעה 10־טע זייט)

ביים אמעריקאנער קאנסול אין בערלין

סצענעס און בילדער

פון ב. סמאליאר

— 2. —

דער אפּגעזאָגטער בחור ארויס, און אַ מיטעל־
יאָריגער ייד אַריין.
העפליך און געשעפטסמעסיג לאַדט איהם דער
קאנסול איין זיך זעצען און פאַנגט איהם אָן צו
שטעלן די געוועהנליכע רוטינע פראַגען.
דער ייד, ווייזט זיך ארויס פון זיינע ענטפערס,
איז א פאַרזיכערונגס־אַגענט. צוואַנציג יאהר איז
ער געווען פאַרבונדען מיט אַ דייטשער קאָמפּאַניע
און געהאַט אַ רעפּוטאַציע אלס א זעהר גוטער אר־
בייטער. איצט האָט מען אהם אָפּגעזאָגט. איז ער
געפאַלען אַ קרבן פון די אַנטי־יודישע געזעצע.
— וואס דענקט איהר צו טון אין אמעריקע?
דער קאָנסול שטעלט איהם די דאָזיגע פראַגע
יעדעם, ווי ער געפינט אויס, אז ער האָט א פרוי,
און ער קען נישט קיין ענגליש און אַז צו קיין פיזי־
שער ארבייט קאָן ער זיך מעהר נישט נעמען.
— קיין גענויע פּלענער האָב איך נישט, אָבער
איך האָף, אז מיינע קרובים אין אַמעריקא וועלן
געפינען פאַר מיר אַ פרנסה...
די קרובים אין אמעריקע, ווי עס איז צו זעהן
פון זייערע ארויספאָדערונגען זענען אבער אליין אויך
קיין פאַרמעגליכע מענשען. איינער פון זיי
האָט אפילו אָן אייגען הויז, אָבער הייזער רעכענט
דער אַמעריקאנער קאָנסול נישט פאַר קיין פאַר־
מעגן.
— אַ הויז אין אַמעריקע איז איצט נישט קיין
פאַרמעגן! — קלערט דער קאָנסול אויף דעם
יידן.
דער ייד זעהט, אַז מיט זיין ווייזע האַלט עס
נישט אַזוי גוט, פאַרטרויט ער דעם קאָנסול אַ
סוד:
— איך האָב צוואַנציג טויזענט מאַרק, —
זאָגט ער, — איך גלויב, אז מיט דער דאָזיגער
סומע וועל איך מיך אין אַמעריקע, קאָנען איינאָרדנע
אויך אָהן דער הילף פון מיינע קרובים...
דער קאָנסול ווערט אָבער פון דעם דאָזיגען
סוד נישט נתפעל:
— ווי אַזוי וועט איהר דאָס געלט דען ארויס־
נעמען פון דייטשלאַנד? — וויל ער וויסען.
דאָס געלט ארויסנעמען פון דייטשלאַנד טאָר מען
דאָך נישט, און עס איז אויך נישט דעם קאָנסול'ס עסק
צו פאַרלייגען די אימיגראַנטען ווי אַזוי זיי דענקען
דאָס געלט פון דייטשלאַנד צו ראַטעווען. ער שטעלט
איהם אָבער די דאָזיגע פראַגע, און שטעלט דערמיט דעם
יידן אין אַ פאַרלעגענהייט.
— אַז איהר וועט מיר צושטעלן פון דער
דייטשער רייכסבאַנק אַ צייגניש, אַז איהר קאָנט
ארויסנעמען דאָס געלט אייערס קיין אַמעריקע,
וועט איהר אייער ווייזע קריגען אָהן שום שוועריג־
קייטען. — לאָזט זיך דער קאָנסול אריין אין פאַר־
שטענדעניש.
צושטעלען אַזאַ צייגניש פון דער רייכסבאַנק
איז אַבער ווי אוממעגליך. דער ייד לאָזט זיך דער־
נאָך ארויס פון קאָנסולאַט א צובראָכענער און
פאַרצווייפעלטער:
ער איז פאַראורטיילט צו בלייבען צווישען
נאַציס, וואָס וועלען די אמעריקאנער ווייזע נישט
געבען... ער איז פאַראורטיילט צו בלייבען אין
דייטשלאַנד ביז ער וועט אויפעסען זיין לעצטען גראָ־
שען און מוזען אָנקומען צו צדקה...

* * *

אַ מאַן און א פרוי — מענשען פון מיטעלען
עלטער — שטעהען ביידע פאַר דעם קאָנסול און
ענטפערען אויף זיינע פראַגען. ביידע זענען זיי פון
דער על־פאַך. ביידע קאָנען זיי לייכט מאַכען א לעבען
אין אַמעריקע. ביידע האָבען זיי אין אַמעריקע
קרובים, וואָס ווילען זיי אריבערנעמען פון דייטש־
לאַנד.
— האָט איהר קינדער?
— יאָ, זיי האָבען דריי קינדער. דאָס עלטסטע
איז צעהן יאָהר אַלט און דאָס יונגסטע איז דריי
יאָהר אַלט. א פאַמיליע פון פינף.
— יאָ. זיי האָבען געלט אויף שיפס־קאַרטען,

אין אויך אויף אריבערצופיהרען מיט זיך קיין אַמעריקע זייערע הויז־זאַכען.
דער קאָנסול פאַרטיפט זיך אין די ארויספאָדערונגען פון זייערע אַמעריקאַנער קרובים, און לאָזט וויסען מיט באַדויערען:
— ליידער קאָן איך אייך קיין ווייזען נישט געבען.
דער מאַן און די פרוי זענען געפּלעפט. זיי זע־נען געקומען אין קאָנסולאַט מיט אַזאַ זיכערקייט, אז זיי וועלען קריגען אַ ווייזע, אַז מיטאַמאָל אַזא אומדערוואַרטעטער קלאַפּ.
— אָבער, פאַרוואָס? — שטאַמלען זיי און וואַגען נישט צו פרעגען פאַר מעהר איינצעלהיי־טען.
דער קאָנסול ווייזט זיי זייערע אַמעריקאַנער ארויספאָדערונגען, און קלערט זיי אויף:
— די דאָזיגע ארויספאָדערונגען זענען גראָד גוטע און מיט פאַרגעניגען וואָלט איך אייך אויף זיי גע־געבען א ווייזע. איז אָבער די צרה, וואָס ערשט מיט

אַ וואָך צוריק האָב איך שוין ארויסגעגעבען א ווייזע אויף די זעלבע פאַפירען. די קרובים אייערע, וואָס האָבען אייך געשיקט די פאַפירען האָבען אין דער־זעלבער צייט געשיקט אזעלכע אויך צו א צווייטער פאַמיליע אין בערלין. יענע פאַמיליע איז בלויז פון צוויי פערזאָן, און איז געקומען פריה־ער פון אייך נאָך דער ווייזע, האָב איך זיי די ווייזע דערפאַר אונטערגעשריבען אָהן שום שוועריגקייטען.
— אָבער ווי קאָן עס זיין? — קוקט דער מאַן אויף דער פרוי אין דערשטוינונג.
— עס קאָן שוין זיין! — באַרוהיגט איהם דער קאָנסול. ער הייסט זיין סעקרעטאַרין נאָכקוק־קען די דאָקומענטען פון די ארויסגעגעבענע ווי־זעס, און ברענגען די ארויספאָדערונגען וועגען וועל־כע ער האָט דערצעהלט.
די פאַפירען אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין בערלין ווערען געהאַלטען אין וואונדערבאַרער אָר־דענונג, נעמט נישט מעה־ ווי איינציגע סעקונדען און די סעקרעטאַרין קעהרט זיך אום צוריק מיט א פייל אין וועלכע עס ליגען די פאַפירען, וואָס דער קאָנסול האָט פאַרלאַנגט.
— אָט, — דאָגט דער קאָנסול צו דעם דער־שלאָגענעם יודישען פאָר־פאָלק, — אָט האָט איהר די ארויספאָדערונגען און אָט קאָנט איהר זיך איבער־צייגען מיט אייערע אויגען, אז זיי זענען אונטערגע־שריבען פון די זעלבע קרובים, וואָס ווילען אייך

אויך אריבערנעמען! איהר וועט דאָך מיט מיר איינ־שטימען, אז נאָכאַמאָל ארויסגעבען אַ ווייזע אויף אויף די דאָקומענטען פון די זעלבע קרובים און נאָך פאַר א פאַמיליע פון פינף פערזאָן קאָן איך נישט און טאָר נישט...
דאָס יודישע פאָר־פאָלק ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערען און וואָס צו אַרגומענטירען. אריינגע־קומען זענען זיי פול מיט האָפענונג, אז עס וועט זיי ענדליך געלונגען אוועקצופאָהרען פון דייטשלאַנד. איצט געהען זיי ארויס אין זאָרג און אין טרויער.
— וואָס וועט פון אונז זיין, און וואָס וועט פון אונז ווערען? — שיסט די פרוי ארויס אין א געוויין, ווען זי און איהר מאַן שטעהען שוין אין קאָרידאָר פון קאָנסולאַט ביים ארויסגאַנג אַן האַלב ארויס.
דער מאַן איהר ענטפערט נישט קיין וואָרט. וואָס קאָן ער ענטפערן אז מען וואָס קאָן ער זי טרייסטען. דער באַזוך אין קאָנסולאַט האָט איהם מיט אמאָל עלטער געמאַכט אפשר מיט צעהן יאהר.

* * *

אייניגע נאָכן אַנדערען קומען זיי, די יודען, איצט אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין בערלין, און אייניגע נאָכ׳ן אַנדערען געהען זיי מעהרסטענטייל ארויס מיט ליידיגע הענט.
די צייט, ווען דער אמעריקאַנער קאָנסולאַט אין בערלין איז געווען ליבעראַל מיט ארויסגעבען ווייזעס צו דייטשע יודען, איז ליידער שוין לאַנג אַריבער

א אראבישער באנדיט

אחמד דובאן, וועלכער האט יאָה־רען־לאַנג געפיהרט מלחמה געגען די יודישע קאָלאָניסטען אין ארץ־ישראל. — זיין ראָלע אין די לעצטע פּאָגראָמען. — אַן אמת׳ע מעשה

פון יוסף באראַץ

(איינער פון די גרינדער פון דגניה; די עלטסטע יודישע ארבייטער־קאָלאָניע אין ארץ־ישראל)

— 2. —

אין א פּאָר וואָכען אַרום איז מיר אויסגעקומען צו פאָהרען מיט דער באַהן קיין חיפה. האָב איך אין באַהן זיך אַנגעטראָפען מיט אַ בעדואינער, גע־שמידט אין קייטען, אין דער באַגלייטונג פון צוויי באוואָפענטע פּאָליציאַנטען. דאָס איז געווען אחמד דובאַן, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין דגניה. איצט האָט מען איהם געפיהרט פון שפּיטאָל צו דער תפיסה אין עכו. ער איז געווען א יונגער, שעהנער בעדואינער, מיט צוויי ברייטענדע שוואַרצע אויגען. צוויי לאַנגע געדיכטע שוואַרצע צעפּ, וועל־כע האָבען איהם צוגעגעבען א בעזונדערען חן. ער פיהלט זיך גאַרנישט באַקוועם אין די געפּענטעטע הענט און פיס. אבער ער איז נישט געפאַלען ביי זיך.
עס זענען איבער חדשים, מיר האָבען מעהר גאָרנישט געהערט און אויך נישט בעפיהלט וועלכע עס איז פאַלגען פון דער פאַסירונג. אין די דער־פער אַרום האָט מען זיך באַצויגען צו אונז מיט אפשית. אונזער כבוד ביי די אַראַבער איז געשטיגען. נאָך א ווײַלע און מיר וואָלטען די געשיכטע אינגאַנ־צען פאַרגעסען.
האָט אבער פאַסירט, אַז כ׳בין געפאָהרען פון חיפה קיין צמח מיט דער באַהן, און איך האָב ווידער אנגעטראָפען דעם אחמד דובאַן. דאָס מאל האָט מען איהם געפיהרט פון דער תפיסה פון עכו קיין טבריה צום משפט. ער האָט זיך שטאַרק געענ־דערט, די אויגען זענען פאַרטיפט געוואָרען, ס׳איז אוועק דער גלאַנץ פון זיי, דאָס געזיכט געל, די שוואַרצע, בליטשענדע צעפּ, זענען געווען זיי אויסגע־טריקענט. די תפיסה האָט דאָס איהריגע געטון מיט דעם פרייען וואַנדערענדיגען אַראַבער.
ער איז געקומען צום משפט אָהן א פאַרטיידי־גער. ער איז געווען אי דער באַשולדיגטער, אי דער פאַרטיידיגער. א לאַנגען צעטעל פון באַשולדיגונגען האָט דער ריכטער פאַר איהם פאַרגעלייענט: גנבות, מאָרדען פון אַראַבער און יודען, אויך אינדיאַנישע סאָלדאַטען אין צייט פון קריג, ביי וועלכע ער האָט די פערד צוגענומען און איינעם דער׳הרג׳עט. אויף אלץ האָט דער בעדואינער נאָר איין ענטפער געגעבען: „האָט איהר מיך דען געכאַפּט, האָט ווער־עס איז דאָס אליין געזעהען?" און די באַשולדיגער־האָבען אויף דעם קיין ענטפער נישט געהאַט. בלויז

איין זאַך האָט ער אָנערקענט, און געשוואָנע׳ט: „יאָ, כ׳האָב גע׳גנב׳עט פערד ביי די סאָלדאַטען, וואָס־זשע קומט מיר פאַר דער זינד? איז דען נישט גענוג וואָס איך בין אויסגעטריקענט געוואָרען אין דער תפיסה פון עכו שוין איבער א יאהר?"
און אחמד איז פון דעם ענגלישען ריכטער באַפרייט געוואָרען.
ווי א פויגעל פון שטייג איז דער בעדואינער ארויס פון געריכט. עס האָבען זיך גלייך געפונען ענגלישע גוטהערציגע דאַמען, וועלכע זאָרגען זיך פאַר די פאַרפאָלגטע און סתם אָרימע אַראַבער, און וועלכע האָבען דעם בעדואינער פאַרקליידעט. האָבען איהם אַנגעטון אַ נייעם פאַרביגען לאַנגען קאַפ־טאַן, און אַ ווייסע זיידענע טוך, מיט א שנור־רינג אויפ׳ן קאָפּ. ער איז אוועק גאַר א פאַרפוצ־טער, אַ יום־טוב׳דיגער, וואוהין אָבער, האָט קיי־נער נישט געוואוסט.
ערשט שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז אַוועק קיין ירושלים. דעם ערשטען באַזוך האָט ער אָפּגעשטאַט ביי דעם העכסטען ריכטער, דעם יודען בענטאָוויטש. ער איז געקומען איהם אָפּ־דאַנקען פאַר דעם גערעכטען משפט פון דעם ענג־לישען געריכט, דערנאָך איז ער אוועק צו א באַקאַנ־טען יודישען טוער, וואָס איז זעהר פּאָפּולער ביי די אַראַבער.
קומענדיג אַהיים. האָט דער ייד געטראָפען דעם בעדואינער זיצענדיג אויף די טרעפּ פון זיין הויז. אויף זיין פראַגע וואָס ער טוט דאָ, האָט דער בעדואינער געענטפערט: „אָט, סתם אַזוי, כ׳בין דיך געקומען באַגריסען". „אָבער ווער ביזטו?" — האָט

ער איהם ווידער געפרעגט. — „אויב דו וועסט מיר ערלויבען, וועל איך דיר דערצעהלען וואָס איך טו דאָ" — האָט איהם דער אראַבער אָפּגעענטפערט, דער ייד האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אין שטוב און איהם געבעטען דערצעהלען צוליב וואָס ער איז געקומען.
„ווייסטו, מיין האַר, איך בין אחמד דובאַן" — האָט ער אַנגעפאַנגען. — מיין ברודער מחמד איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אין דגניה. מיט א יאָהר שפּע־טער, האָט מען מיך אַרעסטירט. מעהר ווי אַ יאָהר בין איך אָפּגעלעגען אין עכו, אין תפיסה. איצט איז געווען דער משפט און איך בין באַפרייט געוואָ־רען. אבער דו ווייסט דאָך. דער רעגירונגס משפט איז איינס, ס׳איז אָבער דאָ נאָך א משפט — דער משפט פון פאָלק — פון די בעדואינער, און איך קען איצט אַהיים נישט קומען. מיינע קרובים לאַ־כען פון מיר. זיי זאָגען — „שעהם זיך אחמד, די יודען האָבען דיין ברודער דער׳הרג׳עט, און דו שווייגסט, דו נעמסט נישט קיין נקמה, דו לייזט נישט אויס דאָס בלוט פון דיין ברודער, ביזט גע־גליכען צו אַ ווייב. דו, מיין האַר, ביזט דאָך דער קלוגסטער. טאָ גיב מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך זיי ענטפערען?"
„מאַך זיך נישט נאַריש" — האָט איהם דער ייד געענטפערט. — „דו מיינסט דען, אז ס׳איז נאָך אלץ די טערקישע צייטען, מיט נקמה־נעמען?"
„יאָ, איך מיין, אז די צייט איז נאָך נישט פאַראיבער, פאַר הרג׳ענען א ברודער, מוז מען נעמען נקמה, אָדער מען מאַכט שלום" — האָט ער אָפּגעענטפערט.
„הער זיך צו" — האָט דער ייד איהם ווידער געזאָגט — „מאַך זיך נישט נאַריש. געה אַהיים און היט זיך בעסער. ווען דו וועסט געהן גנב׳ענען ביי אַ יודען, קענסטו נאָך אויך קריגען אַ קויל היט זיך!"
„נו גוט" — איז ער געבליבען ביי זיין טענה — „איך האָב געפרובען פאַר נויטיג זיך מיט דיר צו באַראַטען, דו דאַרפסט וויסען, אז קיין גוטס וועט דערפון נישט ארויסקומען". און איז אוועק.
ער איז אָבער נישט אוועק פון ירושלים צו־זיינע באַדואינער. ער האָט נאָך אָפּגעשטאַט אזעל־כע וויזיטען ביי פאַרשידענע יודען און חשוב׳ע אַראַבער. יעדען האָט ער דערצעהלט וועגען זיינע כוונות און רעכענונגען.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען רופט מען מיך טעלעפאָניש קיין ירושלים צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. מען גיט מיר איבער, אז ס׳איז זעהר א דרינגענדע זאַך. איך בין גלייך אוועק קיין ירו־שלים. ווען כ׳בין אָנגעקומען אין ביוראָ פון דער עקזעקוטיווע, אז ער האָט זיך דערוואוסט, אז בעדו־אינער קלויבען זיך צו נעמען נקמה אָן דגניה. זאָג איך איהם, אז כ׳האָב שוין פון דער געשיכטע, און מיר שרעקען זיך נישט דערפאַר. זאָלען זיי נאָר קומען צו אונז. וועלען זיי פאַרלירען נאָך איי־נעם. אבער אז ס׳האַלט יאָ דערביי, האָט מען גע־מעגט איבערגעבען דעם ענין צו דער פּאָליציי, אנשטאַט רופען מיך קיין ירושלים. ער באַרוהיגט מיך און דערצעהלט מיר, אז דער פּאָליציי־קאָמענ־דאַנט האָט שוין געגעבען זיין ענטפער דערויף, זאָגענדיג: „אויב דו רעדסט מיט מיר אָפיציעל, פאַרשפּרעך איך דיר, אז כ׳וועל רופען דעם בעד־דואינער, און איהם זאָגען אז, אויב ס׳וועט עפּעס פאַסירען אין דגניה, וועט ער טראָגען אויף זיך די שטרענגסטע פאַראַנטוואָרטליכקייט. וואָס מעהר קען איך טון מיט א מענשען, וועלכער סטראַשעט? פאַר׳ן בלויז רעדען, קען מען דאָך איהם נישט אויפ־הענגען, רעדסטו אָבער מיט מיר פּריוואַט, פאַר־זענליך, וואָלט איך ראַטען דגניה, אז זיי זאָלען מיט איהם מאַכען שלום. וואָרים וואָס קען פאַסירען? דער בעדואינער וועט קומען אויפ׳ן פעלד, וואו מ׳וועט אַקערען, וועט א שיס טון און הרגענען א מענ־שען, דערנאָך וועלען מיר איהם זוכען, און פאַר־לייכט איהם כאַפּען, אָבער דער דערהרגעטער פון דגניה וועט דאָך דערמיט נישט לעבעדיג ווערען!"...

(סוף פֿאָלגט)

דאס לעבן אין ארץ־ישראל

(ידיעות פון דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור)

ד״ר מאַרטין אויערבאַך ז״ל

תל־אביב. אין עלטער פון 61 יאָהר איז אין תל־אביב פּלוצים געשטאָרבען ד״ר מאַרטין אויערבאַך פון האַמבורג. דער פאַרשטאָרבענער איז געווען א באַקאַנטער כעמיקער אין האַמבורג און האָט גע־הערט צו די עלטסטע ציוניסטען אין דייטשלאַנד. און ער האָט דער פאַרשטאָרבענער זיך אָפּגעגעבען מיט ליבלינגס־ענינים פון דער יוגענט — אסטראָנאָמיע און צוזאַמען מיט זיין יונגען זוהן האָט ער פאַרשריט אסטראָנאָמיש וויסען אין דער העברעי־שער פּרעסע אין א״י. אין זיין הויז האָט ער איינגעאָרדענט א טעלעסקאָפּ, מיט וועלכען עס פלעגען זיך באַנוצען אסטראָנאָמען - אַמאַטאָרען. זיין נאָמען איז געווען אויסגעצייכענט אין א״י אַלס אַסטראָ־נאָמאַריום.

באַשטעטיגט די הלואה פאַר פתח־תקוה

ירושלים. נאָך פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבען געדויערט עטליכע חדשים, האָט די רעגירונגס־אַמט מיטגעטיילט דעם לאָקאַלען ראַט פון פתח־תקוה, אַז די רעגירונג האָט באַשטעטיגט די הלוואה פון 4.500 פונט אויף לאַנדווירטשאַפטליכע באַדערפענישען.

נאַפט־קוואַלען אין צפון־סיריען

ירושלים. דער „מוקאַטאַם" (קאַירא) טיילט מיט פון ביירוט, אַז הידראַטער ווערען פאַרהענדיגט די פאָרשונגסאַרבייטען אויף א שטח פון 3300 העקטאַר אין צפון־סיריען, וואו עס זענען פעסטגעשטעלט גע־וואָרען (נאָך דריי יאָהר ארבייט) זעהר רייכע נאַפט־קוואַלען, וועלכע זענען אָנ׳אָפּצווייג פון די נאַפט־קוואַלען אין איראַק און געהערען צו די רייכסטע אין דער וועלט, די טעכנישע פּלאַנען. וואָס האָט דורכגע־פיהרט די זוכונגען, פיהרט שוין איצט פאַרהאַנדלונ־גען וועגען עקספּלואַטירען די נאַפט־קוואַלען.

א געשפּרעך פון אַן ענגלישען גענע־ראַל מיט אַראַבישע פעלאַכען

ירושלים. „פאַלעסטיין" טיילט מיט, אַז דער קאָמאַנדיר פון די מיליטער־קרעפטען אין דרום־א״י גענעראַל פּאַקס האָט די טעג אין באַגלייטונג פון אַ שטאַרקער מיליטערישער וואַך באַזוכט דאָס אַראַבישע דאָרף שאַקבא אין קרייז לוד, וואָס גע־פינט זיך אויף א שפּיץ באַרג. דער גענעראַל האָט צו זיך געלאָזט רופען דעם מוכטאַר פון דאָרף און אייניגע טאַמאַבליען און זיי געפרעגט, ווי וועלען זיי זיך באַציהען צום בריטישען מיליטער, אויב עס וואָלטען אויסברעכען פרישע אונרוהען. דער מוכטאַר האָט געענטפערט, דאָס אויב די זעלנער וועלען קו־מען ווי געסט, וועט מען זיך מיט זיי באַגעהען ווי מען באַגעהט זיך מיט געסט, אויב זיי וועלען אָבער קומען מיט אַנדערע כוונות, וועט מען זיך מיט זיי אויך באַגעהען אַנדערש.
אויף דער פראַגע פון גענעראַל, וואָס פאַרלאַנ־גען זיי פון דער רעגירונג, האָט דער מוכטאַר געענט־פערט, אז דער אַראַבישער לאַנד איין ירושלים רעדט אין נאָמען פון די אַראַבער אין א״י און זיי, די פעלאַכען פון דאָרף שטיצען דעם ראַט.
דער גענעראַל האָט אָבער געוואָלט הערען א קלאָרע תשובה און זיין פראַגע איבערגע׳חזר׳ט. דער מוכ־טאַר האָט דאַן געענטפערט: מיר פאַרלאַנגען אָפּצו־שטעלען די אימיגראַציע, פאַרבאָטען יודען קוי־פען לאַנד און איינפיהרען אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג.
דער גענעראַל האָט ווייטער געפרעגט, צי מיינען די פעלאַכען, אז די רעגירונג טוט פאַר די יודען מעהר ווי פאַר די אַראַבער. דערויף האָט מען איהם געענטפערט, אַז דער בעסטער בעווייז, דאָס אַזוי איז עס, איז דער פאַקט, וואָס כדי צוצוקומען צום דאָרף האָט דער גענעראַל, מיט זיינע באַגלייטער געמוזט קלעטערן אויף די בערג, בעת צו די יודישע קאָלאָ־ניעס פיהרען אַספאַלטירטע שאָסייען. די זעלבע פראַגע האָט דער גענעראַל איבערגע׳חזר׳ט נאָך אין עט־ליכע אַנדערע אַראַבישע דערפער פון קרייז לוד, וועל־כע ער האָט באַזוכט צוזאַמען מיט זיין באַגלייטונג, וועלכע תשובות דער גענעראַל האָט אין די איבער־ריגע דערפער באַקומען אויף זיינע פראַגען, דער־ציילט נישט דער אַראַבישער „פּאַלעסטין".

אַראַבישע ארבייטער פאַרן פּאָרט אין חיפה

ירושלים. „אַריפּאַע" טיילט מיט, אַז דער קרייז־קאָמיסאַר פון חיפה האָט צו זיך איינגעלאַדען די מוכטאַרען פון די אַראַבישע דערפער אין דעם קרייז און זיי געבעטען לאָזען וויסען די דאָרפישע אַראַבער, אַז די רעגירונג נויטיגט זיך אין ארבייטער פאַרן פּאָרט אין חיפה און וועט צאָהלען 16 פּיאַס־טער א טאָג.

אקציע ל־טובת דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים

דאס קוראטאריום פון העברעאישן אוניווערזיטעט צום יודישן פאלק

ס'זענען אריבער 11 יאהר, זייט עס איז געגרינדעט געווארן דער העברעאישער אוניווערזיטעט. דאס זענען געווען 11 יאהר ארבייט, אין וועלכע ס'האט אנגעהויבן פארווירקליכט צו ווערן דער גרויסער חלום פון אן העברעאישער הויכשול. עס זענען געשאפען געווארן צוויי פאקולטעטן. א הומאניסטישער און א נאטור־וויסענשאפטלער. און איצט איז מען צוגעטרעטען צו בויען דעם מעדיצינישן פאקולטעט.

העכער 100 וויסענשאפטלער פארשען און אונטערריכטען אין העברעאישן אוניווערזיטעט. די צאל סטודענטן, וועלכע זענען געקומען פון אלע עקען וועלט, כדי צו לערנען זיך און ארבייטען אין די אודיטאריעס און לאבאראטאריעס פונ'ם אוניווערזיטעט דערגרייכט ביז 700.

אין יאהרען פון שווערע ליידען און יסורים, וועלכע ס'האט איבערגעלעבט דאס יועלט־יודענטום, האט דער אוניווערזיטעט געדינט אלס היים פאר יודישע געלעהרטע און סטודענטן. פיל פראפעסארען, וועלכע זענען ארויסגעשטויסען געווארען פון זייערע ארבייטס־פלעצער, סטודענטן, פאר וועלכע עס זענען פארמאכט געווארן די טויערן פון פיל אוניווערזיטעטן, האבען אינ'ם העברעאישן אוניווערזיטעט באקומען די פולע מעגליכקייט צו פארנעמען זיך מיט תורה, וויסענשאפט און פארשונג. דער אוניווערזיטעט איז אויך פעסט פארבונדען מיט'ן אויפבוי פונ'ם לאנד. זיין וויסענשאפטליכע ארבייט העלפט מיט דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט, אינדוסטריע און דערציהונג אין לאנד.

דער געדאנק פון אן העברעאישן אוניווערזיטעט פאר יודען, א צענטער פאר יודישער וויסענשאפט און פארשונג, ווערט פארוואנדעלט אין א מעכטיגע און ווערטפולע ווירקליכקייט.

מיר דריקען אויס אונזער דאנק די פריינט פונ'ם העברעאישן אוניווערזיטעט אין דער גאנצער וועלט, וועלכע האבען מיט זייערע שטיפטונגען און אפצאהלונגען אויפגעריכט דעם העברעאישן אוניווערזיטעט וועלכער געניסט נישט פון קיין שום רעגירונגס־סובסידיע.

אבער גרויס איז נאך די אויפגאבע, וועלכע ווארט אויף איהר פארווירקליכונג.

פיל וויכטיגע געביטען אינ'ם אוניווערזיטעט פעהלען אינגאנצען אדער נויטיגען זיך אין פארפולקאמונג. דער שטראם פון סטודענטן, וועלכער קומט אין לאנד פון אלע עקען וועלט און קלאפט אין די טירען פון אוניווערזיטעט, וואקסט פון יאהר צו יאהר. דאס וועלט־יודענטום דארף פארשטיין, אז נאר מיט זיין אייגענער מיה און אפפערוויליגקייט וועט דערהאלטען און אויסגעבויט ווערען דער העברעאישער אוניווערזיטעט. דאס קוראטאריום פונ'ם העברעאישן אוניווערזיטעט האפט, אז דאס וועלט־יודענטום וועט מיט זיין ענערגישער ארבייט העלפען אויפריכטען דעם צענטראלען אנשטאלט פון יודישן גייסט און העברעאישער קולטור.

ירושלים, 5697 – 1937.

קוראטאריום פונם העברעאישן אוניווערסיטעט:

פראפ. חיים וויצמאן
פרעזידענט פון קוראטאריום

ד"ר יהודה ל. מאגנעס
פרעזידענט פון אוניווערזיטעט

שלמה ז. שאקען
פארזיצער פון עקזעקוטיוו

פראפ. הוגא בערגמאן

מיר דארפען א אוניווערזיטעט

ווייל דער יודישער געניוס נויטיגט זיך אין א היים און זיין גייסט אין א ארט, וואו אונזער קיום אין עבר און געגענווארט, קען ניי געפאָרשט ווערען פון דעם נייעם געזיכטספונקט, וועלכען מיר האבען ערווארבען א דאנק אונזער נאציאנאלער בעוועגונג; וואו מיר קענען זיך אפגעבען א דין וחשבון איבער זיך אליין אין אונזער אייגענער שפראך, א פארטיידיגונג און אפאלאגעטיק און וואו עס ווערט גלייכצייטיג געשמידט דער גייסטיגער וואפען, וועלכען דאס יודישע פאלק דארף האבען אומעטום אין קאמף פאר זיין גייסטיגען קיום;

ווייל דאס יודישע פאלק, וואס איז צוזייט און צושפרייט איבער אלע לענדער און איז אומעטום דער שעיר לעזאזל פון רעסטרוקטיווע כחות פון דער נישט־יודישער סביבה, מוז האבען א גייסטיגען צענטער; ווייל מיר מוזען פון דיר גופא אנטגעגענשטעלען זיך געגען די צענטריפוגאלע כחות, וועלכע ווערען געשאפען דורך אונזער צושטרייאונג אין גלות־צענטריפוגאלע כחות, וועלכע זאלען דערהאלטען אונזער קיום און שטענדיג באנייען אונזער גייסטיגען וועזען.

ווייל דאס יודישע פאלק אין אלע לענדער נויטיגט זיך אין א אינטעליגענץ וועלכע פיהרט אן מיט זיינע ענינים און וועלכע דארף ערצויגען ווערען אין א ארט, וואו ער דארפען אויסגעבילדעט ווערען אין א יודישער סביבה און אין דער לעבעדיגער העברעאישער שפראך זיינע מענשליכע און נאציאנאלע פעהיגקייטען, וועלכע ער וועט שפעטער דארפען שטעלען אין דינסט פון יודענטום אין אלע לענדער;

ווייל דער יודישער געלעהרטער האט כמעט אין אלע לענדער שטערונגען ביים מאכען זיין וויסענשאפטליכע קאריערע און דורכדעם פארלירט דאס יודישע פאלק א טעטיגקייט־געביט, וואו ער קען לייסטען ערשטראנגיגע שאפונגען;

ווייל דער יודישער סטודענט ווערט נישט צוגעלאזען אין פיל לענדער צום סטודיום אין אוניווערזיטעט; שוין היינט שטאמען צוויי דריטעל פון די סטודענטען פון העברעאישן אוניווערזיטעט — פון אויסלאנד;

ווייל מיר נויטיגען זיך פאר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל אין א פארשונגס צענטער, וועלכער לעזט די וויסענשאפטליכע אויפגאבען, וואס עס שטעלט פאר אונז אונזער קאלאניזאציע און מעדיצין, נאטורוויסענשאפט, טעכניק און אויך אין דער פארשונג פון וויטערדיגע ענטוויקלונג פון דער העברעאישער שפראך, דער געשיכטע פון לאנד, ווי אויך די שפראך געשיכטע און קולטור פון אונזערע שכנים;

ווייל דער ישוב, כדי צו ערפילען די היסטארישע אויפגאבע, וועלכע עס האט באשטימט פאר איהם דאס וועלט־יודענטום, דארף האבען א צענטראלען בילדונגס־אנשטאלט פאר זיין יוגענד, פאר זיינע צוקונפטיגע לעהרער, טרעגער פון דער רעליגיעזער, נאציאנאלער און סאציאלער באוועגונג.

היינט קומט קיין ווארשע דער רעקטאר פון העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים פראפ. הוגא בערגמאן

ווארשא (יט"א) היינט מאנטאג, 12.18 פארמיטאג קומט מיט'ן פראגער שנעל־צוג קיין ווארשע דער רעקטאר פון חבר העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, פראפ. ד"ר הוגא בערגמאן. אויף זיין רייזע קיין פוילען ווערט פראפ. בערגמאן באגלייט פון צוויי רעפרעזענטאנטן פון אוניווערזיטעט – פיזרא ה"ה אלפרעד בערנהער און יעקב מגיד.

דער רעפרעזענטאטיווער־באזוך פון ערשטען רעקטאר פון חבר העברעאישער אוניווערזיטעט אויפן הר־הצופים האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין די ברייטע קרייזען פון דער יודישער געזעלשאפט. דער ערהוועדיגער גאסט פון פוילישען יודענטום וועט פייערליך אויפגענומען ווערען דורך די אנגעזעהענסטע פארשטייער פון דער יודישער געזעלשאפט אין ווארשע.

אויפן הויפט־וואקזאל וועט פראפ. בערגמאן באגריסט ווערען דורך דעם עהרען־קאמיטעט, וואס איז געגרינדעט געווארען איהם מקבל־פנים צו זיין, דעם קאמיטעט פון דער געזעלשאפט „פריינד פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים" מיטן פרעזידיום אין דער שפיץ אין די פערזאנען פון פראפ. שאור, פראפ. מ. שטיינשנייטער־ווערשווער, אינזש. א. לערנער, אינזש. א. לעשטשינסקי, ד"ר נ. זוסמאן, און אדוו. אלעקסאנדער סטאווסקי דורך פארשטייער פון א רייהע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס ליטעראטור און פרעסע.

5 נאכמיטאג וועט פארקומען א פרעסע־קאנפערענץ אין מוזעאום־זאל פון דער יודאאיסטישער ביבליאטעק מיט דער באטייליגונג פון דעם חשוב'ען גאסט רעקטאר פראפ. ה. בערגמאן.

האלב 9 אין אווענט וועט פראפ. בערגמאן זיין אנוועזענד אויף דער פייערליכער זיצונג פון קאמיטעט פון דער געזעלשאפט „פריינט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט" אין פוילען.

דינסטאג דעם 9. מערץ פארמיטאג וועט פראפ. בערגמאן מאכען א רייה אפיציעלע וויזיטען.

נאכמיטאג וועט פארקומען אין יודאאיסטישען אינסטיטוט א פייערליכע באגעגעניש פון רעקטאר פראפ. בערגמאן מיט דער יודישער אקאדעמישער יוגענט.

8.30 אין אווענט וועט דער חשוב'ער גאסט האלטען א פארטראג אויף: „יבנה און ירושלים — קולטור־פראבלעמען אין א"י" אין פארטראגס־זאל פון דער יודאאיסטישער ביבליאטעק.

מיט איהר האט פאסירט אין לעבען, וואס א גרויסער שרייבער האט געשילדערט אין א דערציילונג

דער גרויסער פראנצויזישער שרייבער גי־דע מאפאסאן האט וועגען אן עהנליכע פאסירונג געשאפען איינע פון זיינע בעסטע דערצעהלונגען. אבער דיאנא אלדריטש פון ניו־ארלינס האט אזא פאל אליין איבערגעלעבט.

אלדריטש איז א פרוי אין די דרייסיגער און דערצו נאך א שעהנע. אבער איהר מאן, סטיפען אלדריטש, אן ארכיטעקט, מיט גאנץ קליינע פארדינסטען, האט איהר נישט געקאנט קויפען אזעלכע סארטען קליידער און צירונג מיט וועלכע א יונגע פרוי וויל זיך ווייזען פאר מענשען. אמת, אלדריטש האט צו איהר מאן קיין טענות נישט געהאט פארוואס ער איז נישט רייך. אבער דער ארכיטעקט, וועלכער איז פארליבט אין זיין פרוי ביז איבער די אויערן און איז טאקע א מבין אויף איהר שעהנקייט, האט זיך געערגערט וואס ער קען זיין פרוי נישט געבען די מעגליכקייט זיך אויסצופוצען ווי אנדערע דאמען.

דעם ארכיטעקט'ס א פריינט האט געוואוסט, אז אלדריטש איז אן ארימאן, נישט געקוקט אויף דעם, וואס ער איז אויסערגעוועהנליך שעפעריש אויף זיין געביט. האט ער געמאכט פארבינדונגען פאר אלדריטש'ן מיט דעם פרעזידענט פון א גרויסער באנק, וועלכער האט באשלאסען צו בויען א געביידע פון דעם סאמע מאדערנסטען סארט. אלדריטש איז רעקאמענדירט געווארען אלס ארכיטעקט, און דער באנק־פרעזידענט האט איינגעלאדען איהם און זיין פרוי צו קומען אויף א באזוך וואו עס וועלען זיין נאך אנדערע געסט אויף א פארוויילונג.

זיין פרוי האט פארמאגט אן אווענט־קלייד, אבער קיין צירונג האט זי נישט געהאט, און אלדרידזש האט נישט געוואלט, אז דער באנקיר זאל אזוי ארום זיך משער זיין, אז ער איז נישט קיין גרויסער פארדינער און דורכדעם טייטשען, אז ער איז אויך נישט קיין גרויסער ארכיטעקט.

דאס ווייב פונ'ם פריינט, וואס האט אלדרידזש'ן רעקאמענדירט צום באנקיר, האט געהאט א פרעכטיג שנירעל פערל, און זי האט אויסגעבארגט צו פרוי אלדרידזש.

דער סוף איז געווען, אז אלדריטש האט געקריגן דעם פאסטען אלס ארכיטעקט פון דער נייער באנק־געביידע און א טשעק אלס אנהויב. ארויסגעהענדיג פון באנקיר'ס הויז, האט ער געכאפט א טעקסי, און א גליקליך־צופרידענער איז ער מיט דעם ווייב געפאהרען אהיים.

ווען זיי זענען אריינגעקומען אין שטוב אריין, האט פרוי אלדרידזש זיך געכאפט, אז דאס שנירעל פערל איז נישטא אויף איהר האלז. עס האט זיך אראפגעגליטשט פון איהר אין טעקסי און זי האט עס נישט געפיהלט. דער ארכיטעקט איז גלייך אראפגעלאפען זעהן צי די טעקסי שטעהט נאך, אבער עס איז פון איהר קיין סימן נישט געווען.

א גאנצע נאכט, דערדריקטע און צוווייטאגטע, זענען ביידע געזעסען און געטראכט וואס צו טון, ביז זיי איז איינגעפאלען גלייך אין דער פריה אוועקצוגעהן אין א צירונג־געשעפט און קויפען א שנירעל פערל עהנליך צו דעם, וואס זי האט פארלוירען און עס איבערגעגעבען דער באזיצערין.

פאר'ן שנירעל פערל האט דער צירונג־הענדלער זיך געהייסען געבען פיל געלט, אבער מען איז מושווה געווארען, אז די סומע זאל אויסגעצאהלט ווערען אין ראטעס אין משך פון דריי יאהר. מיט'ן טשעק, וואס אלדרידזש האט געקראגען ביים באנקיר, איז געמאכט געווארען דער אנהויב.

די באנק־געביידע איז פארטיג געווארען און אלדרידזש האט געקראגען אנדערע ארכיטעקטור־ארבייטען. דער גרעסטער חלק איז אוועק אויסצוצאהלען דאס שנירעל פערל.

ווען דאס שנירעל פערל איז שוין געווען אויסגעצאהלט, האט פ־וי! אלדרידזש דערצעהלט איהר פריינדינע דעם גאנצען אמת, ווי אזוי זי האט גוט געמאכט דעם פארלוסט.

די פריינדין איז בלייך געווארען ווי קאלך און האט דעם ארכיטעקטס פרוי דערקלערט, אז דאס שנירעל פערל, וואס זי האט פארלוירען, איז געווען אימיטאציע, נישט קיין אמת'ע פערל.

פרוי אלדרידזש האט אוועקגעחלש'ט. דער סוף איז געווען, אז די פריינדין האט איהר אוועקגעגעבען דאס גוטע שנירעל, וואס עס האט איהר געקאסט דריי יאהר אויסצוצאהלען ביים צירונג־הענדלער.

ראדיא - ווינקעל

דאס געפיהל פאר אקטואליטע[...] ביי ראדיא.

דער באוואוסטער ראדיא־קריטיקער [...] לען האט לעצטענס אפגעדרוקט אינ[...] מאגאזין" זיינע באטראכטונגען בנוגע דעם [...] פאר אקטואליטעט. ער האלט, אז לענקע[...] די פאר־אויס צוגעגרייטע פראגראמען איז [...] דערביי אבער דארפען זיין אויך אינ[...] פראגראם געלעגענהייטס־אודיציעס, וואס [...] בען שטעלט זיי צו טאג־טעגליך.

למשל, אויסלענדישע פאליטיק: אין [...] האנג מיט די לעצטע דערגרייכונגען אויפ[...] מאטישען געביט וואלט גאנץ גוט געווען, [...] מיקראפאן שטעלט זיך אוועק א ספעציאל[...] פאכמאן און רעדט וועגען דעם אלעם, [...] בעריהרט געווארען אויפ'ן אינטערנאציא[...] רום. מען וואלט בעדארפען געבען א ווא[...] געזעהענסטע פארשטעהער פון אויסערליכ[...] ליטיק, פערשטעהט זיך, אז אונטער דער [...] פון דער רעגירונג. דאס וואלט אויסגעקומ[...] אינטערעסאנטער ווי עפעס אנדערש. א[...] ווערט נישט געטון, איז עס, לויט'ן מחבר, [...] פעהלט איניציאטיוו און פעראנטווארטליכק[...] אנפיהרען מיט אזא פיהלבארען אינפארמא[...] סטרומענט, ווי עס איז ראדיא.

צום גליק, שרייבט ער דארט ווייטער, [...] דער פרעמיער בלום פארשטאנען, ווי גר[...] זענען די מעגליכקייטען פון ראדיא אויפ[...] פון פראפאגאנדע: אינ'ם שמועס, וואס איז [...] טען געווארען אין ענגליש און טראנסמיטי[...] רען קיין אמעריקע איז פראנקרייכ'ס שטעלו[...] ווארען גענוי פארמולירט, געווען איז דאס [...] שטער קלוגער אקט פון ראדיא־פראפאגאנד[...] די פראנצויזישע רעגירונג האט דורכגעפיה[...] האלט נאך פראנקרייך גישט אזוי ווייט ווי [...] לאנד, וואס אין אמת, ווילען די פראנצויזיש[...] הערערס, אז דער ראדיא זאל געברויכט ווער[...] פראפאגאנדע, אבער נישט מיסברויכען מיט [...]

אויך מוזיק גיט פיל געלעגענהייטען צו [...] אליזירען די ראדיא־פראגראמען, וואס עס [...] די פריוואטע ראדיא־סטאציעס, בשעת דער [...] שער ראדיא האט אויף דעם געביט קיי[...] פערשטענדניש.

דאך וואלט ראדיא אויך דא געקאנט [...] אויפטון כדי צו פארבינדען זיך בעהנטער [...] לעבען. למשל, א יובליי פון א באריהמט[...] פאזיטאר וואלט דער ראדיא איהם געקאנט [...] בען דעם געהעריגען כבוד דורך מוזיק, [...] דורך א געלעגענהייטס־רעדע. דאס פראגרא[...] וואלט אויסגעקומען אויך אינטערעסאנטער [...] ביגער.

פראקטישע לעקציעס פון [...] פאר טעלעוויזיע - געניסער

דער דירעקטאר פון פראגראם־אפטיי[...] דער ענגלישער טעלעוויזיע, דזשעראלד [...] דא נישט לאנג פא געשטעלט פאר די ראדיא[...] די פלענער פון די קינפטיגע טעלעוויזיע־פרא[...] באלד אין אנהויב באמערקט ער, אז די פרא[...] וואס וועלען געגעבען ווערען אין די ספעצ[...] לעוויזיע־זאלען, וועלען זיין גאר אנדערש פון [...] וואס זענען באשטימט צו געניסען פון זיי [...] ויך פון דער היים־ דערנאך געהען פארוי[...] און בילדונגס־פארשפרייטענדע פראגראמען. [...] די אויסבילדונגס־פראגראמען געפינען זיך [...] וואס ווייזען, ווי אזוי צו קאכען, ווי אזוי צו [...] די ערשטע הילף ביי אן אומגליקס־פארפא[...] גל. די טעלעוויזיע־אינטעריוויען וועלן אויך [...] א רייה באקאנטע פערזענליכקייטען פון געזע[...] ליכען און פאליטישען לעבען.

מיט'ן שטעלען זיך פון פריהלינג [...] וויזיע, אזוי גוט ווי עס טוט היינט דער מיק[...] ארויס אויף דער פרייער לופט און פון [...] געבען איהרע אבאנענטען דאס אינטערעס[...] און לעבעדיגסטע, וואס קאן אלץ פארקומען.

טעכניש ארבייט די ענגלישע טעלעווי[...] שוין באקאנט, לויט צווייערליי סיסטעמ[...] ביירד'ן אויף 240 ליניעס מיט 25 בילד[...] א רגע, לויט מארקאני'ן — 405 ליניעס מיט [...] דער אין איין רגע. דער ארויסלויף פון דער [...] וויזיע דערגרייכט 25 מייל. דאס טעלעווי[...] גראם ווערט געגעבען צוויי מאל אין טא[...] זונטאג צו איין שעה.

די טעלעוויזיע־אפאראטען קאסטען [...] 80 ביז 120 פונט שטערלינג דער אפצאהל [...] ווי ביי ראדיא, 10 שילינג א יאהר.

[...]
Trepman
ספעציאליסט פאר טריפער, סיפיל[...] הויט־כ"אנקהייטען.
בעהאנדלונג פון מענער־שוואכ[...] אויף אלע ארט שנאליזען.
זאוואדזקא 6, טעל. 12־[...]4
נעמט אן פון 8—11 נאכמ. און פון 6־8

REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. [...]93
ספעציאליסט
פאר מענער - שוואכע - בעהאנ[...]
סעקסועלע פארטוגען, פון פסיכאנא[...] רענטגען־באשטראלונגען ביי הויט־קר[...]
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—8 [...]
זונטאג און יום־טוב פון 9—12 [...]

דאס לאדזשער לעבן

מאנטאג, 8 מערץ | כ"ה אדר תרצ"ז

זון-אונטערגאנג 5.47
זון-אויפגאנג 5.29

דער נעכטיגער רעפעראט
פון ד"ר וואלפגאנג פאן ווייזעל

נעכטען איז אין פילהארמאניע-זאל פארגעקומען א פארלעזונג פון רעוויזיאניסטישען פיהרער ד"ר וואלפגאנג ווייזעל א. ד. ט. „לאנדאן, גענף, ירושלים"

די פארזאמלונג עפענט ה' ליבראך און דאן נעהמט ה' ווייזעל דאס ווארט צו זיין רעפעראט, אין וועלכען ער האט צ. ז. אנדערען געזאגט:

„די רעוויזיאניסטישע שיטה אין ציוניזם האט פאראויסגעזעהען און פאראויסגעזאגט פערשידענע זאכען, וועלכע זענען שפעטער פארווירקליכט געווארען, שטענדיג ווען די רעוויזיאניסטען האבען עפעס פאראויסגעזאגט, האט מען געזאגט צו זיי תרעומות, וואס מ'רעדט נישט-אנגענעהמע זאכען. ווען די דאזיגע זאכען זענען שפעטער מקוים געווארען האט מען עס געפרובט צו פערטייטשען מיט א צופאל, וועלכען מ'קען נישט פאראויסזעהען.

דער רעוויזיאניזם האט אנגעהויבען זיין פאליטישע ארבייט, — האט דער פרעלעגענט געזאגט, — אין יאהר 1922, מיט 3 יאהר שפעטער איז געשאפען געווארען א רעוויזיאניסטישע אוניע און שוין אין יאהר 1924 האט זשאבאטינסקי געזאגט, אז די פאליטיק וואס די אפיציעלע ציוניסטען פיהרען, וועט דערפיהרען צו א קאטאסטראפע, די רעוויזיאניסטען האבען די גאנצע צייט געווארענט, אז די ענגלישע אדמיניסטראציע אין ארץ ישראל און יעדע איהר אפטיילונג פיהרט בכיוון א פאליטיק צו שטערען דעם יודישען אויפבוי און צו שעדיגען די יודישע אינטערעסען. די דאזיגע שעדיגונג קאסט דעם יוד פיל מעהר געלד ווי די ציוניסטישע קרנות קענען שאפען. דעמאלס, זאגט דער רעדנער, האט מען די רעוויזיאניסטען געהייסען שווייגען, ווייל דאס קען שאַדען ברענגען די זאמלונגען פאר'ן קרן היסוד און קרן-קימת.

אין יאהר 1929, האט זשאבאטינסקי אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס געשריגען, אז די לאגע פון ארץ ישראל איז א געפעהרליכע, ד"ר ווייצמאן האט זי געהאלטען פאר צופרידענשטעלענד און אין 14 טעג ארום איז אויסגעבראכען דער אראבישער פאגראם פון יאהר 1929 אזוי איז געווען פאר'ן אויסברוך פון די לעצטע געשעהענישען. דעם 4 אפריל 1936 האט זשאבאטינסקי טעלעגראפירט צו אלע ענגלישע מיניסטארען און צום הויך-קאמיסאר, און אנגעוויזען, אז די אראבער גרייטען זיך צו אן אויפשטאנד, און אין עטליכע טעג ארום זענען די אנטי-יודישע געשעהענישען אויסגעבראכען. די ענגלישע אדמיניסטראציע שעדיגט מיט אויסרעכנונגג אונזער ארבייט און דעריבער דארפען מיר זוכען פארבינדעטע אומעטום, וואו דאס זאל נאר נישט זיין, כדי צו מאכען א דרוק אויף ענגלאנד, מעג דאס זיין אין פוילען, רומעניען, שווייץ, האלאנד, כינא, יאפאן אדער אנדערע מלוכות.

— ווען דער ביתר, זאגט דער רעדנער, איז מיט 13 יאהר צוריק געשאפען געווארען, די יוגענד האט באקומען אוניפארמען און מ'האט איהר געגעבען א מיליטערישע אויסבילדונג, זענען מיר פאַרשריגען געווארען דורך דער יודישער עפענטליכער מיינונג אלס מיליטאריסטען. אבער מ'ווייס שוין, אז פאליטיק קען מען נישט מאכען אהן מיליטער, וועלען אראבער האבען מיליטער, וועלען זיי האבען ארץ-ישראל, וועלען יודען האבען מיליטער, וועט דאס לאנד געהערען צו יודען.

מיר זאגען, רופט אויס ד"ר ווייזעל, אז עס זענען געווען אין ארץ-ישראל פאגראמען און עס וועלען נאך ווייטער זיין. די אפיציעלע ציוניסטען וואלטען דאך שוין געדארפט מודה זיין, אז מיר זענען גערעכט, די פיהרער זענען אבער שלעכטע פחדנים, אנשטאט צו אנערקענען דאס אלץ האט מען ארומגעשיקט שליחים איבער דער וועלט און געזאמעלט פארן מפעל הבצרון און ס'איז דאך זיכער אז דאס געלד גייט נישט אויף שוץ-צוועקען פאר ארץ-ישראל נאר אויף צו דעקען די דעפיציטען פון די עקספערימענטאלע קאלאניעס.

דאן האט דער פרעלעגענט ברייט ארומגערעדט די שוין באריהמטע פ-אַזע וועגען דע עוואַקואציע און איבערגעחזרט זשאבאטינסקי'ס שטעלונג אין דעם ענין.

די לאגע פון די יודען, האלט דער רעדנער, איז אזעלכע, אז ס'מוז קומען אן אפפלוס פון יודען אין אייניגע לענדער און אז גלייכצייטיג וועט קענען אזוי ארום געשאפען ווערען די יודישע מעהרהייט אין ארץ-ישראל.

דער רעדנער האט אפילו פארגליכען די איצטיגע לאגע פון די יודען מיט דער לאגע אין פרעה'ס צייט, און אז דעמאלט האט זיך אויך געהאנדעלט וועגען עוואקואציע, וואס די רעוויזיאניסטען פאדערן איצט

וועלכע שול-צייגנישען דארפען צושטעלען די קאנדידאטען צום פארלייכטערטען געזעלען-עקזאמען?

אין דער לעצטער צייט באקומט דער פאראייניג-טער קאמיטעט פאר די עניינים פון יודישער מלאכה, וואנדערונגען פון ארגאניזאציעס און יחידים. אז די האנטווערקער - קאמערען פאדערן ביי די קאנדידאטען צום פארלייכטערטען געזעלען - עקזאמען דארף מען ביילעגען א שול-צייגניש. אויב מען באזיצט נישט קיין צייגניש פון א „פאווישעכנער" שול, קען מען ביילעגען אויך א צייגניש פון א נעזעלישאפטליכער שול, וואס איז אנערקענט דורך דער רעגירונג (צ.ש.א., „תרבות", „יבנה"), ווי אויך פון פריוואטע קאנצעסיאנירטע שולען. אין די פאלען, ווען די האנט וועבקער - קאמער וועט דאך נישט אנערקענען די רעקאמאנטע שול-צייגנישען, דארף מען זיך ווענדען נאך ווייטערדיגע אנווייזונגען צום פאראייניגטען קאמיטעט פאר די עניינים פון יודישער מלאכה אין ווארשע, אלפערטנאס נומער 6. (יט"א)

גענען ווינקעל-אדוואקאטען!

(א) אין שייכות דערמיט, וואס לעצטענס האבען זיך ווידער באוויזען ווינקעל-אדוואקאטען, וואס דערלעדיגען פערשידענע ענינים, האט מען לויט'ן אויפטראג פון דער געריכטס-מאכט פאראָרדנט א קאנטראלע אין געריכטען. און אין פאל ווען מען וועט אנטרעפען אויף אומלעגאלע עצה-געבער וועט מען זיי תיכף צוציהען צו געריכטס-פאראנטווארט-ליכקייט.

אפגעבריהטע קינדער

(א) אויף דער מלינארסקא גאס 38 האט זיך נעכטען אפגעבריהט מיט הייס וואסער די צווייט-האלבען-יאהריגע ארענא פאטרא.

אויף סובאלסקא 7 איז דאס זעלבע געשעהן מיט'ן 4-יעהריגען מאריא קאטשיק, פאגאטאוויע האט זיי ביידען ערטיילט ערשטע הילף.

זונטאג-סך הכל'ס

(א) פאגאטאוויע האט נעכטען ערטיילט ערשטע הילף די נעליטענע פון שיכרות, מעסער-שטעכעריי און סתם געשלעגען:

דעם 31-יעהריגען אנטאני פאפיעלאטי פון רייטאנא 3; דעם 35-יאהריגען טאדעאוש צלאפינסקי פון קארדעצקיעגא 12 און די 25-יאהריגע העלענא קוזשמינסקא אויך פון דארטען; פיאטר יוזעפיאק'ן פון מארשינער 3 און דעם 2-יאהריגען יאן שלימאק פון קראקוסא 8.

פלוצים געשטארבען

(א) אויף דער לעגיאנוב-גאס 45 האט מען גע-פינען אן אומבאקאנטען מאנספערזאן, אין אן ערך פון 35 יאר אלט — אין א באוואוסטלאזען צושטאנד.

מ'האט צו איהם ארייגערופען פאגאטאוויע, וועלכע האט פעסטגעשטעלט, אז ער איז טויט.

א סברא, אז ער איז געווען א טרעגער. מחמת'ן מאנגעל אין דאקומענטען, ווייס מען נאך נישט, ווער ער איז און וואו ער האט געוואוינט.

טעאטער „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20 טעל. 213-84.

קונסט טעאטער מאריס שווארץ-אנסאמבל

גרויסער ערפאלג! — דריטע וואך! — יעדען טאג אויספערקויפט!
היינט, מאנטאג, 9 אווגוסט

גאט, מענש און טייוועל

מאדערניזירטע פארשטעלונג לויט יעקב גארדין אין דער אינסצעניזאציע און רעזשי פון מאריס שווארץ. מוזיק — בראדי. מאסקען און קאסטיומען פראיעקטירט שמראסבערג. —:— אייגענע אריגינעלע דעקאראציעס און ליכט-עפעקטען.

אנסאמבל:
נאטליב העלענא, גאלדנבערג אסתר, נוטמאן קלמן, נרודבערג יצחק, האכבערג יעטע, וויכער מאסס
ליפמאן נאטאליע, ליפמאן משה, ליטאו עני, מארעווסקי אברהם, סאמבערג אייזיק, פאקיעל דבורה
קאן שלמה, סורץ אברהם, ראזען שמחה, שאפירא דניאל, שטיין אלעסק און אנדערע.

באמ.: די פארשטעלונג הויבט זיך אן פונקט 9.15 אוו. און נאכן אנהויב ווערט קיינער נישט אריינגעלאזט.
אכטונג! מארגן דינסטאג און מיטוואך שפילט דער קונסטלער-אנסאמבל אין קאליש.

בילעטען צו בעקומען אין פילהארמאניע-קאסע.

די פאבריק-מייסטערס אין קאמף פאר א קאלעקטיווען אפמאך

(א) נעכטען איז אין'ם קינא „פשעדוויאשניע" (זשעראמסקיעגא 74) פארגעקומען א גרויסע פאר-זאמלונג פון פאבריק-מייסטערס — ארגאניזירטע און נישט-ארגאניזירטע — צו וועלכער עס זענען געקומען איבער 1,500 מאן, סיי פון לאדז, סיי אלס דעלעגאטען פון גאנץ פוילען.

אין די רעדעס און אין דער דיסקוסיע איז אנגעוויזען געווארען דער עיקר אויף דער נויט-ווענדיגקייט צו שליסען א קאלעקטיווען אפמאך.

אין דער אנגענומענער רעזאלוציע איז באַ-שלאסען געווארען צו שטיין פעסט אויף דער שטע-לונג פון די פריהערדיגע באשלוסען און צו דער-פיהרען די אקציע ביז א פולשטענדיגען זיג. עס איז באשלאסען געווארען אין דעם פראיעקט פון דעם קאלעקטיווען אפמאך גישט אפצוטרעטען אויף א האהר.

עס זענען אויך אויסגעהערט געווארען באַ-ריכטען וועגען דעם שטרייק פון די מייסטערס אין דער „ווידזעווער מאנופאקטור", און עס איז באַ-שלאסען געווארען צו אונטערשטיצען די שטריי-קענדע סיי מאראליש, סיי מאטעריעל.

ביים יאגען א גנב
איז פערוואונדעט געווארען א יודישער יונגערמאן

נעכטען ארום 5 א זייגער פארטאג האבען גנבים אנגעהויבען בעארבייטען א געוועלב אויף זא-וואדזקא גאס, דאס האבען בעמערקט די פארשפע-טיגטע דורכגעהער, וועלכע האבען געשטערט די גנבים אין דער ארבייט, די גנבים האבען אנגעהוי-בען צו אנטלויפען, איינעם איז געלונגען נעלם צו ווערען, דער צווייטער איז אנטלאפען אויף זא-וואדזקא, אויף עק זגכארניא האט איהם פאר-שטעלט דעם וועג א געוויסער חיים קירשבוים 32 יאהר אלט פון פאמארסקא 76.

ווען קירשבוים האט אנגעכאפט דעם גנב, האט יענער ארויסגעכאפט א מעסער און אריינגע-שטאכען קירשבוימען, וועלכער האט זיך אבער נישט פערלוירען און צודריקענדיג דעם גנב צו דער וואנט, האט ער איהם געהאלטען ביז ס'איז אנגעקומען פאליציי. דער גנב איז אפגעפיהרט געווארען אין קאמיסאריאט און ס'האט זיך ארויס-געשטעלט, אז דאס איז דער 26-יעהריגער ישעיה פיאמקאווסקי.

פאגאטאוויע האט ערטיילט הילף קירש-בוימען, די וואונד איז א לייכטע.

1-טע לעטשביצע
מיט שטענדיגע בעטען
פאר כירורגיע פון ציינער, קיהן-באקען און יאסלעס
פון Dr. med.
Sadokierski
פיעטריקאווער 56, טעל. 129-77
עמפפאנגס-שעה'ן פון 9 פריה ביז 12 בייטאג

...יער פאלקספלאט

מונדירטע פאליציאנטקעס אין לאדז

(א) די קומענדיגע וואך, פון 15 ד. ח. וועט ...אנהויבען צו אמטירען אין לאדז אן אפטיילונג פון ...ונדירטע פרויען-פאליציי אין דער צאהל פון 14 ...פרויען און עס וועט אויך אנהויבען צו פונקציא-...נירען אן ארעסט-קאמער („איזבא זאטשימאן"):

די פאליציאנטקעס ווערען צוגעטיילט דורך ...דער הויפט-פאליציי-קאמאנדע צו דער אדורכשולונג ...אין א ספעציעלע שולע:

די עלטערע און מעהר געניטערע פארברע-...כער, וואס וועלען געבראכט ווערען אין דעם ...ארעסט-קאמער. וועלען אפגעטיילט ווערען פון די ...יונגערע בכדי אויף זיי נישט צו האבען קיין ...שלעכטע השפעה.

אין דער קאמער וועלען די ארעסטירטע גע-...האלטען ווערען ביז 48 שעה און דערנאך וועלען ...אין הסכם מיט די דעציזיעס אפגעגעבען ווערען ...צום אויפזיכט פון די עלטערן, אפיעקונעס, צום ...געריכט א. א. וו.

נארמאליזאציע פון מילך-האנדעל

(א) אין שייכות מיט דער אקציע צו נאר-...מאליזירען דעם מילך-האנדעל. בכדי די באפעקט-...ירונג זאל באקומען געזונטע פולווערטיג מילך—בא-...ציהט זיך איצט די אדמיניסטראטיווע מאכט אין ...ספעציעלע קאנטראלערען פון מלוכה'שען אנשטאלט ...פאר שפייז-פארשונג צו ליקווידירען די אזויגערו-...פענע פארמיטלער אין דער דאזיגער בראנזשע.

...די באמיהונגען צו ליקווידירען דעם סכסוך
איז דער זאקען-אינדוסטריע

(א) היינט וועט אין ארביטס-אינספעקטאראט ...וויסני פארקומען א זיצונג פון דער פאך-קאמיסיע ...וואס איז באַרופען פעסטצושטעלען די לוינען אויף ...די נייע פראדוקציע-ארטיקלען אין דער קאטאן-...אינדוסטריע.

גלייכצייטיג וועט פארקומען א קאנפערענץ ...מכוח'ן ליקווידירען דעם שטרייק פון די זאקען-...ארבייטער, וואס דויערט שוין 2 וואכען.

מייסטערס באשטייערען זיך
לטובת די שטרייקענדע מייסטערס
אין דער „ווידזעווער מאנופאקטור"

(א) אויף דער נעכטיגער אלגעמיינער פארזאמ-...לונג פון פאבריקס - מייסטערס, האבען די פארזאַ-...משלטע באשלאסען — נאכ'ן באקענען זיך מיט דער ...סיטואציע פון די שטרייקענדע מייסטערס אין דער ...„ווידזעווער מאנופאקטור" — באשטייערען זיך גוט ...ווילינ לטובת די שטרייקענדע מייסטערס אויף פינף ...פראצענט פונם וועכענטליכען פארדינסט.

די דאזיגע זאמלונגען וועלען פונאנדערגעטיילט ...ווערען אין דער פארם פון אונטערשטיצונגען פאר ...די שטרייקענדע מייסטערס פון דער „ווידזעווער ...מאנופאקטור".

ZACHĘTA
זגערזשער 26

היינט און פאלג. טעג
גרויסער דאפעלטער פראגראם
I
ראטמייסטער פאן וועריפען
אין דער הויפט-ראל
רודאלף פערסטער
II
„איינלאדונג צום וואלץ"
אין דער הויפט-ראלע
LILIANA HARVEY
אנהויב 4 נ"מ, שבת און זונטאג—12 בייט.

100 טויזענד זל. אויף דער פסח-אקציע

איבערנעהמען דאס שפיטאל פאר גייסטיג קראנקע פון „דאבראטשינאשטש"

בעשלוסען פון דער נעכטיגער זיצונג פון קהלה-ראט

נעכטען אין אווענד איז פארגעקומען א זיצונג פון קהלה-ראט. די זיצונג עפענט פרעזעס ליבערמאן, ביי 13 אנוועזענדע פרנסים. דאס באווייזט וויפיל אינטערעס די פרנסים האבען צו די זיצונגען פון קהלה-ראט, נאך דערצו, וואס אויף דער טאג-ארדנונג האבען זיך געפינען אזעלכע וויכטיגע פונקטען ווי

אדורכפיהרען די פסח-אקציע

און איבערנעהמען פון „דאבראטשיננאשטש" דאס בישט אויסגעפאטיגטע משוגעים - שפיטאל אין ראדאגאשטש, וואס האט א וויכטיגע באדייטונג פאר דער יודישער באפעלקערונג אין לאדז און פאר דער אנטוויקלונג פון דער יודישער קהלה.

פרעזעס מינצבערג רעפערירט די פראגע פון דער פסח-אקציע, וועלכע איז געווארען א טראדיציע אין דער לאדזער יודישער קהלה.

די קהלה מוז איצט מאכען אן אנ-שטרענגונג אויף 100 טויזענד זל.

וועלכע זענען נישטא. די אנשטרענגונג איז אן אומגעהויערע, אבער דאך וועט זיך די קהלה באמיהען די סומע צו באקומען, אבער ווען אפילו די קהלה וועט דאס געלט באקומען אויף יעקלעך וועט דאס מוזען האמעיוען די נארמאלע טעטיגקייט אין די נאהענטסטע חדשים. ס'וואלט דעריבער נויטיג געווען די הילף פון דער גאנצער יודישער באפעל-קערונג. אין אנדערע שטעט ווערט פאר פסח גע-זאמעלט אויף מעות חיטין. די לאדזער קהלה וועט דאס בישט טון.

דער פרעזעס אפעלירט אבער צו די שטאט-צאהלער, אז זיי זאלען איינצאה-לען דעם שטאט אנשטאט נאך פסח פאר יום-טוב.

דערמיט וועלען די שטאט-צאהלער העלפען דער קהלה אדורכצופיהרען די פסח-אקציע און אויך, נישט שטערען דער נארמאלער טעטיגקייט. צום סוף בעט דער פרעזעס צו געבען דער פארוואלטונג די פולמאכט אויסצושטעלען וועקסלען אויף 100 טויזענד זל. צו דעם צוועק.

פרנס צעדערבוים האלט, אז די

קהלה האט נישט אויסגעפיהרט דעם באשלוס פון קהלה-ראט וועגען אדורכ-פיהרען די קוילען-אקציע

אויף דער סומע פון 10 טויזענד זל. מ'האט זיך נישט געדארפט רעכענען דערמיט, וואס די פרעסע זענען קלענער געווארען, ווייל דער ארימאן דארף די קוילען נישט נאר אויף צו הייצען, נאר אויך אויף צו קאכען א ביסעל ווארים וואסער.

פרנס י. מ. וואידיסלאווסקי לעגט פאר, אז די קהלה זאל פארקויפען דעם פלאץ אויף דער דאוובארטשיקוב - גאס, וועלכער איז געקויפט געווארען, כדי אויסצובויען דארט א מקוה. איצט האט שוין די קהלה אן אייגענע מקו'ה אויף גדאנסקא גאס. דער פלאץ קאסט דער קהלה געלד, מ'וואלט איהם געקענט פארקויפען. פאר א טייל פון געלד פארגרעסערן די פסח-אקציע און דעם רעשט פארנוצען אויף ענטלאסטען דעם חוב פון קהלה'שען הויז.

פרנס האלבערשטאט האלט, אז מ'דארף שאפען א קאמיסיע, וועלכע זאל זיך פארנעהמען מיט מאהנען די שטאט-צאהלער, אז זיי זאלען איינצאהלען דעם שטאט פאר פסח.

פרנס ראזענבערג ווייזט אן, אז די ארימקייט איז געוואקסען. דער פרייז פון די פראדוקטען איז געשטיגען. די קהלה דארף דעריבער אויספיהרען דעם באשלוס פון קהלה-ראט וועגען דער קוילען-אקציע

און געבען די קוילען צוזאמען מיט דער פסח-אונטערשטיצונג.

פרעזעס מינצבערג זאגט זיך אויס געגען פאר-קויפען דעם פלאץ אויף דאוובארטשיקוב, ווייל די קהלה לייגט נישט צו צום פלאץ. איבריגענס האט זיך די קהלה נאך נישט אפגעזאגט אויסצובויען דארט א היגיענישע מק'ה. ווייטער ערקלערט דער פרעזעס מינצבערג, אז שוין בעת דער בודזשעט-דעבאטע האט ער אנגעוויזען אויף די שוועריגקייטען אדורכצופיהרען די קוילען-אקציע. די פרעסע האבען אבער געצוואונגען צו אסיגנירען די סומע. די אטמאספערישע באדינגונגען האבען זיך אבער געענדערט און די קהלה האט נישט געוואגט אפ-שפארען אויף סאציאלער הילף.

איינשטימיג ווערט באשלאסען אדורכצופיהרען די פסח-אקציע און צו באפולמעכטיגען די פארוואל-טונג אויסצושטעלען צו דעם צוועק וועקסלען אויף הונדערט טויזענד זל.

פרעזעס מינצבערג רעפערירט דאן די פראגע

וועגען איבערנעמען פון דאבראטשינאשטש דאס שפיטאל פאר גייסטיג קראנקע אין ראדאגאשטש.

דער פרעזעס דערציילט דא די געשיכטע פון דאזיגען שפיטאל:

דעם 14 אקטאבער 1900 י. האבען עטליכע דאקטוירים און געזעלשאפטליכע עסקנים באשלא-סען צו פארשפרייטען השגחה איבער דער גרויסער צאהל יודישע פסיכיש קראנקע.

היות דאס לעגאליזירען אן אנשטאלט איז אין יענע צייטען געווען שטארק באשווערט, האט מען זיך געווענדעט צו דער לאדזער גמ"ח. „דאבראטשינ-נאשטש", אז זי זאל נעמען אונטער איהר יורידישער עטיקעט דעם ניי-געגרינדעטען געזונדהייטס-מוסד.

דער געשאפענער קאמיטעט צו בויען א שפי-טאל איז געווארען א סעקציע פון דער לאדזער גמ"ח. „דאבראטשינאשטש" און האט אונטער איהר נא-מען אנגעהויבען א ברייט-פארצווייגטע אקציע פון זאמלען געלטער.

די פאליטישע געשעהענישען פונ'ם יאהר 1905 האבען אבער געשטערט דער אנגעהויבענער אר-בייט פון זאמלען נדבות. די אקציע איז דעריבער געווארען אפגעהאלטען און אפגעלייגט ביז די באדינגונגען וועלען אין לאנד זיך פארבעסערן.

דער קאמיטעט צו בויען א שפיטאל, וואס האט שוין צו יענער צייט פארמאגט 20,000 ר., האט איינגעקויפט אין יאהר 1906 א וויליקע ערד, רע-גולירט די היפאטעק און איז צוגעטרעטען אין 1908 צו בויען קלאסען-פאווילאנען.

תחילת איז געפלאנט געווארען א שפיטאל-בנין אויף 80 בעטלעך. אבער ס'איז געווען די שטרעבונג אז דער לאדזער אנשטאלט זאל מיט זיין פראכט איבערשטייגען אלע עקזיסטירענדע מוסדות פונ'ם דאזיגען מין און אז דאס ווערק פון איבזער שטאט זאל ווערען א מוסטער פאר'ן גאנצען לאנד.

די בנינים זענען געבויט געווארען לויט'ן מוסטער פון ערשטקלאסיגע אינלענדישע און אויס-לענדישע אנשטאלטען פאר גייסטיג-קראנקע. כדי אויסצונוצען די נייעסטע טעכנישע דערפארונגען און צוצופאסען דעם לאדזער אנשטאלט צו די פאר-דערונגען פון דער מאדערנער פסיכיאטריע, האט מען באזוכט די צומבעסטע איינגעארדנטע שפי-טעלער.

אין יאהר 1913 זענען אלע בנינים שוין געשטאנען אונטער'ן דאך און אין יאהר 1914 איז דער גאנצער פלאץ געווארען ארומגעצוימט.

מען האט שוין געזאלט צוטרעטען צום שטו-קאטירען די בנינים און צוגרייטען טיר און פענ-סטער לויט די ווייעסטע מאדעלן פון די אויסלענדישע שפיטעלער, איז אויסגעבראכען די מלחמה, וועלכע האט אוממעגליך געמאכט דאס פארענדיגען די בוי-ארבייטען און דאס איבעריגע איינארדנען דעם אנשטאלט.

דערצו נאך האט דאס דייטשע חיל איינגע-ארדענט אין די דארטיגע געגענטען זיינע פאזיציעס, און די רוסישע קוילען זענען דעריבער געצילט געווארען גלייך אויפ'ן שפיטאל.

די מיליטערישע אקציע האט חרוב געמאכט פיל איינארדנונגען, א תל געמאכט פון א טייל פאוויליא'ען און צעשפליטערט דעם קוימען.

תיכף אבער, ווי עס האט זיך נאר באריהיגט אויפ'ן שטח פון לאדז, האט מען געמאכט א הלוואה פון 40,000 גילדען, אויף אויפצובויען די צו-שעדיגטע בנינים.

די מלחמה און אקופאציע-יאהרען, וואס הא-בען נישט איין ווערק פון מענטשלעכער מי און טרחה חרוב געמאכט, האבען אויך ווייטער גע-שטערט דער אנטשטייאונג פונ'ם שפיטאל פאר גייס-טיג קראנקע.

די בנינים זענען געווארפען געווארען אויפ'ן חסד פונ'ם גורל, דעם געגרינדעטען פארק האט מען עוקר מן השורש געווען, דעם פארקאן האט צעראבירט אויף באהייצונג, פון אלע אנגעפאנגענע איינארדנונגען איז געווארען א תל-עולם.

אין נאוועמבער 1919 י. האט די פוילישע מיליטערישע מאכט אנגעהויבען אונטערהאנדלען מיט'ן קאמיטעט צו בויען דאס שפיטאל וועגען אפ-געבען דעם בני'.

איצט זענען די בנינים פונ'ם שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע א ניי-געבויטע חורבה, וואס איז ווי פארגעסען געווארען, הגם דער מוסד, וועלכער האט געזאלט דארט איינגעארדנט ווערען, איז ממש א נויטווענדיגקייט.

דער מעכניישער ווערט פון שפיטאל איז איצט לויט די אויסרעכנונגען פון זאכקענער 460 טויזענד זלאטיס, דער ווערט צום פארקויפען 320,000 זל.

דער „דאבראטשינאשטש" האט זיך סוף-כל-סוף געווענדעט צו דער קהלה וועגען איבערנעה-מען דאס שפיטאל. **די אונטערהאנדלונגען, וועלכע האבען זיך געפיהרט אנדער-האלבען יאהר זענען שוין פערענדיגט** געווארען און איצט דארף דער ראט דאס אקצעפ-טירען. דער פרעזעס בעט צו אקצעפטירען דעם דאזיגען געשאנק און בעפולמעכטיגען די פערוואל-טונג אויסצוארבייטען די פרטים פון אפמאך.

דאזאר רוזמקאווסקי און די פרנסים לעוו-שטיין, וואלמאן, צעדערבוים א. א. זאגען זיך ארויס פאר איבערנעהמען דאס שפיטאל.

פרנס פרידענזאן זאגט זיך ארויס פאר אי-בערנעהמען דאס שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע, ער האלט אבער, אז די קהלה דארף אויך האבען א קאנטאקט מיט דער קאנשטאט-פונדאציע וועגען דעם איצטיגען ראדאגאשטשער שפיטאל, וועלכעס איז פערנומען דורכ'ן מאגיסטראט.

נאך די אויפקלערונגען, וועלכע ס'גיבען פרעזעס מינצבערג און פרנס לעווששטיין וועגען די קאנשטאט-פונדאציע ווערט בעשלאסען איבערצו-נעהמען דאס שפיטאל פאר גייסטיג-קראנקע אין ראדאגאשטש פון „דאבראטשינאשטש".

זיצונג פון דער קהלה-פארוואלטונג

נעכטען איז אונטער'ן פארזיץ פון פרעזעס מינצבערג, פארגעקומען א זיצונג פון דער קהלה-פארוואלטונג. נאכ'ן אדורכלייענען דעם פראטא-קאל פון דער פריהערדיגער זיצונג, זענען ארורכ-געלייענט געווארען די קאמוניקאטען, צווישען וועל-כע ס'געפינט זיך א קאמוניקאט פון דער סטאראסט-ווע, אז די פרוי סטעפאניא רעגינא יאקאבי, גע-בוירען אשער, איז ארויסגעטרעטען פון דער קהלה אלס רעליגיאנסלאז.

פרעזעס מינצבערג גיט דאן אפ א גענויען בא-ריכט וועגען די אונטערהאנדלונגען, וועלכע זע-נען געפיהרט געווארען מיט דעם קאמיטעט ביים „דאבראטשינאשטש" וועגען איבערנעהמען דאס גרוי-סע משוגעים-שפיטאל אין ראדאגאשטש, וועלכעס שטייט נישט אויסגעפארטיגט. ווי דער פרעזוס באריכטעט, זענען די אונטערהאנדלונגען מכח דעם דאזיגען ענין שוין פארענדיגט און מ'דארף נאר אונטערשרייבען דעם אנטשפרעכענדען אפמאך.

די פארוואלטונג האט זיך אין פרינציפ ארויסגע-זאגט פאר'ן איבערנעהמען דאס שפיטאל, אבער די אקציע דערביי געשטעלט פאלגענדע באוארענישען: א) אז די קהלה זאל איבערנעהמען די קאנסערוואציע און די אויפזיכט פון די בנינים, ערשט פון יאהר 1938, ווייל אין בודזשעט אויף דעם יאהר 1937 איז דער-רויף נישט פארהאן קיין פאזיציע; ב) דאס פונאנ-דערבויען דאס שפיטאל און אויסבויען ביזע פאווי-לאנען דורך דער קהלה זאל זיך ערשט אנהויבען אין יאהר 1940 און ג) שטרייכען די קלויזולע אין וועלכער דער „דאבראטשינאשטש" פארלאנגט אז אויב די קהלה וועט אין משך פון 4 יאהר נישט אויסבויען כאטש א העלפט פון שפיטאל אוך שוין אננעהמען קראנקע, זאל דער גאנצער אביעקט צוריק איבערגיין צום „דאבראטשינאשטש".

צום סוף איז באשלאסען געווארען אדורכצו-פיהרען די פסח-אקציע אין די ראהמען פון בו-דזשעט און זיך ווענדען צום קהלה-ראט יועגען בא-פולמעכטיגען די פארוואלטונג אויסצושטעלען וועק-סלען אויף 100 טויזענד זל. כדי אדורכצופיהרען די אקציע.

אויפרוף פון „חסד של אמת"

אזוי ווי פארשידענע מענשען, וועלכע האבען **אלטע נאכגע-מאכטע פולמאכטען** און נעהמען ארויס געלד פון די פושקעס פון „חסד של אמת", בעטען מיר ווען אזעלכע וועלען זיך מעלדען, זיי צו פערהאלטען, און לאזען ארויסנעהמען פון די פושקעס געלד נור דעם אינ-קאסענט, וואס וועט האבען

א פולמאכט פון חודש מערץ 1937 יאהר מיט א פאטאגראפיע

אפגעזיגעלט מיט'ן רונדיגען שטעמפעל פון פאראיין.

די פארוואלטונג.

שרפה

אין קארטשינסקיס פלאץ אויף קילינסקיעגא 177 איז נעכטען אין אווענד אויסגעבראכען א שרפה, ס'האט זיך אנגעצונדען פון אן אויוועז די איזאלאציע-וואנד, די פייערלעשער האבען די שרפה איינגעלאשען.

א באהן-בעאמטער צושניטען פון א צוג

(א) אויף דער באהן-ליניע צווישן די סטאציעס ראקיטשיני און באפי איז דורך א משאות-צוג איבער געפאהרען געווארען אויף טויט דער 58-יאהריגער שימאן שומרא פון פעטריקאוו. דער אומגליקליכער באהן-בעאמטער איז צושניטען געווארען אויף שטי-קער.

אומגליקספאל

(א) אויף דער פאביאניצער גאס האט זיך אויס געגליטשט און געפאלען דער 38-יאהריגער סטא-ניסלאוו בארנאווסקי (בושעשינער 134) ער האט זיך דערביי צובראכען אן אקסעל-ביין, פאגאטאוויע האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

א באהן-גנבה

(ז) אין דער באהן, אויפ'ן וועג צווישען לאדז און אגרזשעיעוו האט מען ביי א געוויסען לעאן ווינער (סטאדאלניאנא 13) ארויסגענומען א פארטפעל מיט 600 זלאטעס מזומן.

אין קאלושעק האט מען די גנבים געכאפט. זיי זענען די ווארשעווער „בראנזשיסטען": זיגמונט שיורעק און אננא יאבלאנסקא.

גוט מארגען!

שמשון איז... דער ענגלישער טראן-קריזיס...

דער „שיירמעריי שרייבט, אז דעם ענגלישען טראן קריזיס זענען [...]דיג די יודען. וועלכע האבען דעם [...]דען קעניג א-וטערגערוקט א ברוין יודישקע סימפסאן, וואס שטאמט יענעם יודישען מאסען-מערדער [...] וואס האט דערהרג'עט טויזענדער [...]תים פאר ריטועלע צוועקען.

(פון דער פרעסע)

איצט ווייסט מען דאך, איצט האבען מיר [...]רערוואוסט, פון וואנען קאוואלסקי און זיינע [...]דים „שעפען" זייערע „ידיעות" פון תלמוד. [...] דאך באמת געווען א רעטעניש פון וואנען [...] אונזער לאדזער „תלמיד-חכם", אז פדיום [...] מען שופר, אז חנוכה בענטשט מען אתרוג, [...] יום-כפור גראגערט מען, אין פסח זיצט מען אין [...] סוכה. פון וואנען ווייסט דאס אלץ דער „שטיק", קאוואלסקי?

איצט ערשט, איז קלאר געווארען: ער [...] זיינע „ידיעות" פון זיין „הרודער-ארגאן" [...] „שטורמער". איצט וועט דער „גדול" קומען [...] דער זיצונג פון שטאט-ראט מיט א נייעם [...] אנשטאט צו ברענגען דאס טעלעפאן-ביכעל. [...] אויפמישען דעם „שטורמער", זעהט, פאנאוויע, [...] יודען זענען! אפילו אין דעם ענגלישען טראן [...] זיס זענען זיי שולדיג.

פאנאוויע — וועט ער רייסען דעם גארטל [...] דער בלאנדער ענגלישער קעניג איז אוועק און [...] ווייל די יודען האבען איהם אונטערגערוקט א [...] ראוועסע, סימפסאן, ווייסט איהר וואר דאס איז [...] סימפסאן? זי שטאמט פון דעם זשידאווסקע [...] וויעץ, סימפסאן. פאנאוויע, די פשיאטשולקע [...] טילדע לאדענדארף, „וויינ דעסקאנאלע". אז און [...] וואלט סימפסאן, האבען די זשידעס ארייגעשט[...] א „פ", וואס דאס באדייט „פלישתים", ביי [...] דער זשידאווסקע באוויעץ האט געצאפט דאס [...] אויף מצות פאר יודען אויף שמחת תורה...

קאוואלסקי וועט אריין אין עקסטאז:

— פאנאוויע, דאס איז שוין א „יאסנע" [...] אז די סימפסאן שטאמט פון סימסאן, וואטען [...] וועל איך, אלס „זנאווצא טאלמודו" גיין ווייט[...]

אויב סימפסאן שאמט פון סימסאן [...] די מאדאם מאטילדא פון דער רייער [...] יערין דאלילא. דער ריכטיגער נאמען [...] דער איז — מאטילדאלילא, און איהר עלטער[...] איז דאס טאקי געווען די וואס האט דעם [...] באוויעץ סימסאן קאלט-געלייגט..

די יונדעקעס פון גרמ: „ניעך זשיע קאלו[...] קא דאלילא"!...

צום סוף וועט געמען א גוארט דער [...] שנהעקישער „רזשעלאשטש". שוויינבראטען:

— פראטשא, דער פאן מעצענאט קאוו[...] האט שוין הא „פאדוויעדזשעט", אז די סי[...] שטאמט פון דעם זשיד ם מסאן „א יא בצען [...] ניטש", אז די גאנצע ענגלישע פאליטיק איז א [...] „מאה, פאנאוויע", די ענגלישע פאליטיק ליגט [...] די הענט פון יודען (געמיינט: מיניסטער איד[...]

איצט ווייסען מיר כאטש, פון וואנען קאוואל[...] און זיינע תלמידים „שעפען" זייערע ידיעות, [...] ווייסט מען כאטש, פון וואנען קאוואלסקי איז [...] אמאל געווארען אזא בס — פון וואנען ער [...] אזעלכע „שטשיסלע", ידיעות אין „טאלמוד"...

אב—נער

זעלבסטמארדען!

(א) אויף דער סטאראלניאנא האט זיך געס[...] מיט זאליך-זייער דער 50-יאהריגער פראנציש[...] האשעשוויטש, וועלכער איז געקומען קיין לאדז [...] אפאטובעק זוכען ארבייט און נישט געפונען.

ער האט זיך גע'סמ'ט מחמת עקסטע נויט. [...] גאטאוויע האט איהם אין א שווערען צושטאנד [...] געפיהרט אין ראדאגאשטשער שפיטאל.

* * *

(א) אויף דער מיעלטשארסקיעגא 15 האט [...] גע'סמ'ט מיט יאדינע דער 28-יאהריגער סטאני[...] האשיאק. אויך ביי איהם איז די סיבה פונם זעלב[...] מארד געווען די זעלבינע.

מען האט איהם ערטיילט ערשטע הילף און [...] געפיהרט אין זאפאס-שפיטאל.

* * *

(ז) אויף דער פאדזשעטשנא 12 האט [...] נעכטען געסמ'ט מיט יאדינע די 24-יעהריגע [...] ניסלאווא לודוויטשאק, די טאכטער פון א ספו[...] די סיבה פונם זעלבסטמארד איז געווען, [...] האט פערלוירען איהר ארבייט, און דעריבער [...] איהר דער פאטער איהרער שרעקליך גע[...] פאגאטאוויע האט איהר ערטיילט ערשטע הי[...] און אין א געפעהרליכען צושטאנד אפגעפ[...] אין שפיטאל.

Dr.
Wołkowyski

ציגעל-גאס 11, טעל. 38-02

ספעצ. פאר טריפער. סיפיליס און הויט-קראנק. בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע

נעמט אן פון 8—11 ביינאכט און 4—9 אוו[...]

ספאָרט-באַוועגונג

פוסבאַל-מעטשעז

רוך — פּאָגאָן 1:4
א. ק. ס. — איסקראַ 0:5

פוסבאַל-מעטש אין לאָדז

ל. ק. ס. — וו. ק. ס. 2:4

באָקס-מעטשעז

וואַרטאַ — י. ק. פּ. 2:14
אַקענטשע — ה. צ. פּ. 5:11
גייער — ווימאַ 3:13.

גימנאַסטיק אין „מכבי"

מיר זעען געוואוינט דערצו, אַז ווען אַ פוסבאָל-מאַנשאַפט, פון וועלכען ס'איז קלוב באַוויזט זיך נישט אַ געוויסע צייט אויפן פלאַץ, רעדט מען וועגען דעם קלוב, אַז ער וויזט נישט אַרויס קיין שום טע-טיקייט.

אַזאַ מיינונג באַ'עולה'ט אָפטער שטאַרק פיל ספּאָרט - אָרגאַניזאַציעס אין אונזער שטאָט. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די לאָדזער קלובען ווידמען אַ מאָל מעהר צייט און אַרבייט אַנדערע צווייגען פון ספּאָרט און זעהר אָפט אויך דער גימנאַסטיק. אַזוי טוט פיל קלובען, אַזוי טוט אויך דער לאָדזער „מכבי" די גימנאַסטיקער פון דעם פאַראיין אַרבייטען פּסדר און מיט אויסדויער.

ווי אַזוי ס'ווערט געפיהרט די גימנאַסטיק אין דעם ראַויגען קלוב, באַווייזט דער פאַקט, אַז אין די גרופּען איבען אַן ערך 400 גימנאַסטיקער פון די אַנגסטע ביז סעניאָרען. די איבענדע גימנאַסטיקער שטעהן אונטער דער אָנפיהרונג פון קוואַליפיצירטע גימנאַסטיקער. בקרוב וועט דער ראַויגער קלוב קענען באַווייזען זיין אַרבייט אויפן געביט פון גימנאַסטיק דורך אַן עפענטליכען אַרויסטריט.

פון לאָדזער „מכבי"

די שווים-סעקציע פון „מכבי" אָרגאַניזירט אַ שווים-קורס פאַר אָנפענגער און אַוואַנסירטע אונ-טער דער אָנפיהרונג פון אַ קוואַליפיצירטען אינס-טרוקטאָר פון פוילישען שווים-פאַרבאַנד.

די לעקציעס וועלען פאָרקומען 2 מאָל אין וואָך אין זגערושער באַסיין.

דעם 20 ד. ח. אָרגאַניזירט די סעקציע שווים-פאַרמעסטונגען וועגען אַ שווים - אָפּצייכען אין זגע-רושער באַסיין.

די סעקציע פון ספּאָרט-שפּילען פיהרט אַדורך רעגולערע טרענירונגען 2 מאָל אַ וואָך אין זאַל פון פּעטריקאָווער 24.

די טרענירונגען פיהרט דער קאָמפּליצירטער אינ-סטרוקטאָר ה' פּישער.

פון לאָדזער „בר-כוכבא"

אַ ספּאָרט - פּראָפּאַגאַנדע אָוונט

בר-כוכבא אָרדענט איין אין איגענעם לאָקאַל אַן אָוונט, געווידמעט דער פּראָפּאַגאַנדע פון פאָלגענדיגע ספּאָרט-צווייגען: באָקס, שווער-אַטלעטיק און ציקליסטען. אין פּראָגראַם זיינען פאָרויסגעזעהען אינדי-ווידועלע פאַרמעסטונגען אין געוויכט-הויבען, אַרויס טרעטען פון דער באָקסעקציע און אַ רייהע איבונגען פון ציקליסטען אויף די האָמאָ-אַפּאַראַטען. הויך דעם וועלען געוויזען ווערען מוסטער - טרענינגען, און וועלכע עס וועלען זיך באַטייליגען די אַנ-געשטרענגטע סעקציעס.

עס וועלען אויך געהאַלטען ווערען אויפקלערונגס און ספּאָרט-פּראָפּאַגאַנדע רעפעראַטען דורך די ה"ה ד"ר י. האַנדזעל און פּראָפ. א. סעגאַל.

די דאָזיגע אונטערנעהמונג האָט סיי צוליב איהר אינ-טערעסאַנטקייט, סיי צוליב אינהאַלטסרייכען פּראָגראַם און גוט צוגעגרייטען און אַ סך צוגעגנגענע ספּאָרט-ליבען מאָנטאַנט אַרויסגערופען אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג. ווי עס איז צו האָפען וועט זי אַחוץ מיט דעם טעהריגען דערפאָלג.

מייסטערשאַפט פון פוילען פאַר ציקליסטען און ספּאָרט - שפּילען

לויטן באַשלוס פון 7-טען צוזאַמענפאָהר פון וועלט-פאַרבאַנד „מכבי" אָרגאַניזירט דער לאָדזער „בר-כוכבא" די מייסטערשאַפט פאַרמעסטונגען פון פוילען אויפן יאָהר 1937 פאַר ציקליסטען און ספּאָרט שפּילען (דאַמען). די מייסטערשאַפטען וועלען פאָר-קומען אין לאָדז. דער טערמין פאַר די פאַרמעסטונגען און ספּאָרט-שפּילען (דאַמען) איז ענטגילטיג באַ-שטימט אויפן 5. און 6. יוני ה. י., וואָס שייך דעם טערמין פאַר די ציקליסטען - מייסטערשאַפטען איז ער נאָך אָפּהענגיג טיילווייז פון קאַלענדאַר פון פוי-לישען ציקליסטען - פאַרבאַנד.

אַ רעווי פון מוסטער טרענינגען פאַר יוגענטליכע

אין די ראַהמען פון פּראָפּאַגאַנדע אין ווערביר חודש פאַר יוגענטליכע ווערען דורכגעפיהרט אין „בר-כוכבא" אויפקלערונגס און מוסטער אימפּרעזעס לויט פאָלגענדען קאַלענדאַר:

1) דעם 13. מערץ ה. י. אַ רעווי פון מוסטער אי-בונגען פאַר יוגענטליכע פון פאָלגענדיגע ספּאָרט-צווייגען: לייכט-אַטלעטיק, באָקס, פוטבאָל, ציקליס-טען און ספּאָרט-שפּילען.

עס וועלען אויך געהאַלטען ווערען רעפעראַטען וועגען די צילען און אויפגאַבען פון ספּאָרט ביי יוגענד און צוועקמעסיגקייט פון יעדער ספּאָרט-צווייג.

דעם 12. מערץ אָוונט אין ספּעציעלען זאַל אויף שטער-ליטנג-גאַס 22 — אַ פּראָפּאַגאַנדע מעטש פון ספּאָרט-שפּילען (נעץ, קאָהב און האַנט-באַל) מיט דער באַטייליגונג פון יוגענטליכע ביז 18 יאָהר.

3) דעם 20. ה. ח. — לייכט אַטלעטישע פאַרמעס-טונגען (שטערונגס לויפען) אויפן ל.ק.ס. — סטאַד-יאָן. אין די לויפען וועלען זיך קענען אויך באַטייליגען יוגענטליכע נישט אָנגעשלאָסענע אין די אַנטשפּרעכ-ענדע ספּאָרט-פאַרבאַנד.

„בר-כוכבא"

נאָך די פאַרמעסטונגען וועלען פייערליך פאַר-טיילט ווערען פּרייזען.

ווי עס איז געווען פּראָאויסגעזעהן האָט דער פּראָקלאַמירטער פּראָפּאַגאַנדע-חודש אַרויסגערופען אַ סאַלאָסאַלע פאַראינטערעסירונג אין די ברייטע קריי-זען פון דער יודישער יוגענט; די צאָהל נייאַנגעטער-מעלדעטע יוניאָרען און יוניאָרקעס האַלט אין איין שטיי-גען. די יוגענטליכע — טראָגן דעם, וואָס זיי ווערען באַפרייט פון איינשרייב-אָפּצאָהל, מעניטען פון אָרצט ליכע ראַט און ווערען צוגעטיילט נאָך אַ גרינדליכע באַטראַכטונג צו אַן אַנטשפּרעכענדער, זייט פיזיש ספּאָרט-צווייג.

פון דער מוזיק-סעקציע

די עקזיסטירענדע ביים לאָדזער „בר-כוכבא" זייט 20 יאָהר — בלאָז-אָרקעסטער האָט אַדורכגע-מאַכט דעם היינטיגען ווינטער-סעזאָן אַ גרינדליכע רעאָרגאַניזירונג, דאַנק די אינטעראַמירליכע און אָפּ-פערוויליגע אַרבייט פון די ה"ה לובאַשיצקי, הערש-סאָוויטש און האַנעלאַ: די סעקציע ציילט 26 מאַן און באַזיצט אַ באַדייטענדע צאָהל איינענע אינסטרומענ-טען מיט דעם אָרקעסטער פיהרט אָן דער גוט-באַ-קאַנטער און לאַנג-יעהריגער דיריגענט, ה' זילבער-בערג.

אין די פּראָבען ווערט צוגעגרייט אַן אינהאַלטס-רייכער פּראָגראַם צום ערשטען, היי-יאָהריגען, עפענט-ליכען אויסטריט, וועלכער וועט פאָרקומען ענדע מערץ.

יודישע שטעטלעך בעטען הילף

וואַרשע (יט"א) יט"א האָט באַקומען אַ הילפס רוף פון דער יודישער קהלה אין שטעטעל פּיזדרי (פּאָוויאַט קאָנין). די צאָהל טויטבאַדערפטיגע יודען אין שטעטעל שטייגט איבער צוויי הונדערט. אדרעס פאַר געלד-זענדונגען:

Gmina Wyznaniowa Żydowska w Pyzdrach, Prezes Józef Beatus, Pyzdry, pow. Koniński

פון שטעטעל בזשעזשניצע ביי ראַדאָמסק האָט יט"א באַקומען אַ הילפסרוף אונטערגעשריבען דורך דער אָרטיגער קהלה הרב י. אורבאַך, הילפס-קאָמי-טעט „תומכי עניים" און דער גמ"ח-קאַסע. די קהלה בעט הילף ביי יודען אין לאַנד און אויסלאַנד (באַ-זונדער אַמעריקע) פאַר די נויטליידענדע יודישע תושבים פון בזשעזשניצע. אדרעס פאַר געלד-זענדונ-גען:

Sz. Cwajman, Brzeźnica, k/Radomska.

אַפּטייקען.

היינטיגע נאַכט - דיזשורען

(אַ) היינט ביינאַכט דיזשורירען: י. קאַהאַנע (לי-מאַנאָווסקיעגאָ 37), ס. טראַווקאָווסקאַ (בזשעזשינער 56); קאָפּראָווסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15). מ. ראָזענ-בלום (שרודמיעסקאַ 21) מ. באַרטאַשעווסקי (פּעט-ריקאָווער 95), ע. זאַקשעווסקי (קאָנטנאַ 54), י. שיניעצקאַ (זשגאָווער 54).

רעקאָרד פון ביליגקייט אין „קאָנסום"

דער הויפּט-יסוד פון אַ געשעפטליכער אונטערנע-מונג איז: גרויסער אומזאַץ און קליינער ריוח. און אויף דעם פּרינציפּ שטיצט זיך דער „קאָנסום" ביי ווידזעווער מאַנופאַקטור, וועלכע איז דאָס איינציגע וואַרען-הויז אין אונזער שטאָט, אַ דאַנק וועלכען די פּרייזען זענען אַזעלכע רעוואָלוציאָנס - נידריגע, אַז זי איז קאָנקורענצלאָז.

אין „קאָנסום" געפינט זיך שטענדיג אויף לאַגער די מאָדערנסטע טאָג און נאַכט-וועש, קאָנפעקציע, וואָל, זיידענס, גאַלאַנטעריע א. אַ. וו. דערביי זענען די קוואַ-ליטעטען פון העכסטען סאָרט.

אַ בעראַטונג וועגען יודישע קולטור אין י. וו. א.

פרייטאָג אין אָוונט איז אין לאָקאַל פון דער געז. פריינד פון ייוו"א פאַרגעקומען אַ קולטור-באַ-ראַטונג פון יודישע שרייבער, קינסטלער און קול-טור-טוער, אויף וועלכער ס'זענען באַהאַנדעלט גע-וואָרען אַ גאַנצע רייה אַקטועלע פראַגען פון יודי-שען קולטור-לעבען.

געעפענט די בעראַטונג האָט ה' ל. לעווין, וועלכע האָט אויפגעקלערט די באַדייטונג פון דעם צוזאַמענקום און גערופען די שרייבער און קינסטלער זיך צו שטעלען אין דינסט פון דער יודישער קולטור.

נאָך דעם איינלייטונגס-וואָרט האָט זיך אַנט-וויקעלט אַ זעהר אינטערעסאַנטע דיסקוסיע, אין וועלכער ס'האָבען זיך באַטייליגט כמעט אַלע אַנ-וועזענדיקע, אין דער דיסקוסיע האָבען אַלע גע-ברענגט צום אויסדרוק דעם געדאַנק, אַז ס'וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט צו מאַכען אַ סוף צו דער צעשפּליטערונג פון דעם יודישען קינסטלער און שרייבער, וועלכע דאַרפען זיך אָרגאַניזירען אַלס קולטור-שעפערישער כח אין יודישען לעבן, צווישען אַנדערע זענען אויך באַריכט געוואָרען עטליכע זעהר וויכטיגע קולטור-אויפגאַבען וועלכע זענען שוין אַקטועל ביי אונז אין שטאָט, ווי ל. שאַפען אַ סטאַביל יודיש קינסטלעריש טעאַטער. אַ מוזיי, העל-פען דער אַקציע פון פאַרשפּרייטען דאָס יודישע בוך א. א. וו.

צום סוף איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַן איניציאַטיוו-גרופּע. וועלכע זאָל צוגרייטען אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען די יודישע קינסטלער און אינטעלעקטועלע אַרום דער יודישער קולטור.

די פאַרזאַמעלטע זענען אויך מיט דעם גלוי-בען, אַז ס'איז געמאַכט געוואָרען אַן אַנהייב פון צוציהען אַלע קולטור-שעפערישע עלעמענטען צו יודישער קולטור-אַרבייט ביי אונז אין לאָדז.

Dr. med.
HALTRECHT
ספּעציעל-אַרצט פאַר הויט-,געשלעכטס קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
האָט זיך איבערגעצויגען פון פּעטריקאָווער 10 אויף
161 פּעטריקאָווער 161
טעל. 245-21.
נעהמט אָן פון 8 ביז 2 ביטאָג און פון 7 ביז 9 אָוו. זונטאָג און חגאות פון 9 ביז 1 ביטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזען

ר. איזראַעל

אויף נאַוואָמיעסקאַ

שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער לעבען

60

— ניין, ניין, דאָס וויל איך נישט, האָט צילקע אויסגעשריגען, איך וויל נישט, אַז איהר זאָלט רעדען מיט מיין מאַן, איך וויל נישט, אַז ער זאָל בכלל עפּעס וויסען וועגען דעם.

— וואָס דען פאַרוואָס אויסיוגע זעהט איהר פון דער לאַגע.

— איך האָב דאָך נישט קיין געלד אייך צו געבען, פון וואַנען זאָל איך נעהמען.

— איהר מוזט באַוועגען אייער מאַן זיגמונט ווורובעלטשיק, אַז ער זאָל אייך געבען דערויף, ער האָט גענוג געלד, ער וועט נישט אָרימער ווערען און איך וועל געהאָלפען ווערען מיט מיין פרוי און קינדער.

צילקע איז געווען אין גאַנצען אין דער האַנט פון דעם שאַנטאַזשיסט. זי האָט געוואוסט, אַז ער קען זיך שפּילען מיט איהר ווי מיט אַ באַלעמל, אַז זי האָט קיין שום עצה נישט פאַר איהם.

— פון וואַנען זאָל איך נעהמען געלד, וואָס זאָל איך איהם זאָגען, מיט וואָס זאָל איך איהם פער-טייטשען, אַז איך ברויך אַ גרעסערע סומע?

ווינשטיין האָט געזעהן ווי צילקע ברעכט צו-זאַמען און האָט ווייטער אָנגעהאַלטען די שפּאַנונג.

— איך וועל זיך דאָך נישט זאָרגען דערפאַר, וואָס איהר וועט טון, איהר קענט זיגמונטען בעסער און איהר וועט זיכער געפינען אַן אויסרייד פאַר איהם.

— ניין, איך זעה נישט ווי אַזוי איך וועל קענען פאַר איהם אויפקלערען אַזאַ ענין, איך האָב נישט קיין עצה און מוז כעזיגנירען, איך מוז איבערלאָ-זען דעם ענין אַזוי ווי ער געהט, אָבער איך אַפּעליר צו אייער מענשליכקייט, צו אייער געוויסען, איך בעט אייך רחמים, אין נאָמען פון אַלעם גוטען וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, טוט נישט אַזוי ווי איהר ווילט טון, ברענגט נישט קיין אומגליק אויף עטליכע מענשען.

— און מיין אומגליק? און דאָס אומגליק פון מיין פאַמיליע זאָל איך פאַר מיר האַלטען, צו וועמענס מענשליכקייט און וועמענס געוויסען זאָל איך אַפּע-לירען, ווער וועט געפינען פאַר מיר יושר, שווערע יאָהרען האָב איך אָפּגעליטען ביי ווורובעלטשיקען, ער האָט מיך בעהאַנדעלט ערגער ווי מען באַהאַנדעלט אַ הונט, וועלכען מ'האָט אין שטוב און איך האָב געמוזט שווייגען, כ'האָב נישט געקענט אַפּעלירען נישט צו זיין יושר און נישט צו זיין געוויסען, ווייל ער האָט גאָרנישט אַזעלכעס, פאַרוואָס זאָל איך זיין בעסער פאַר איהם? פאַרקעהרט — איך דאַרף נאָך זיין ערגער פאַר איהם, ווייל אין מיר ברענט נאָך אַ חוץ אַלעמען, דאָס געפיהל פון נקמה, פּרובט אַלזאָ נישט צו אַפּעלירען צו מיין מענשליכקייט, ווייל דאָס וועט גאָרנישט העלפען.

— האָב איך נישט קיין עצה.

— איז פאַרפאַלען, מוז איך איבערעדען מיט אייער מאַן, דאָרט וועל איך שוין יאָ געפינען, ווי איהר רופט דאָס פאַרשטענדניש.

— וואָרט נאָך אביסעל, האָט איהם צילקע פאַר-האַלטען, באַמערקענדיג, אַז ער וויל אַוועקגעהן. מיר איז געבליבען נאָך מיין ערשטען מאַן אַ ביסעל ציהרונג, וועל איך אייך עס אַוועקגעבען, איך האָב עס אויסבאַהאַלטען ביז איצט פון די דייטשען, כ'האָב דאָס באַהאַלטען ווי אַ הייליגקייט אַלס אַנדענק פון מאיר ראָזען און אַלס רעזערוו אויף אַ שוואַרצער שעה, וועלכע קען קומען...

— דאָס וועל איך נישט נעהמען, איהר קענט טון דערמיט וואָס איהר ווילט, איהר קענט דאָס פאַר-קויפען, מיר דאַרפט איהר געבען געלד.

— גוט, איך וועל זיך באַמיהען עס צו פאַרקוי-פען און קען אייך פאַרזיכערען, אַז איך וועל דערפון נישט אַראָפּנעהמען קיין איין גראָשען, איך וועל אייך אַלץ אָפּגעבען.

— גוט, איך וועל צוואַרטען עטליכע טעג און דאַן וועל איך זיך נאָכאַמאָל צו אייך אָנמעלדען.

ווינשטיין איז אַוועק, אָבער ער האָט נישט אָפּ-געוואַרט אַפילו קיין איין שעה, ער איז גלייך אַוועק אין געשעפט צו זיגמונט ווורובעלטשיק.

— וואָו קומסט דו אַהין אויף גאַנצע שעה'ן, האָט איהם ווורובעלטשיק מקבל פנים געווען, ווי ס'איז איבריגענס געווען זיין געוואוינהייט.

— פאַניע ווורובעלטשיק, גענוג האָט איהר מיט מיר גערעדט אויף דעם אופן, פון היינט אָן האָט זיך דאָס געענדיגט.

זיגמונט האָט פאַרשטאַנען וועגען וואָס עס האַנ-דעלט זיך און איז באַלד פאַרשוויגען געוואָרען און פאַרביילט די פויסטען. דאָס האָט צוגעגעבען מעהר מוט ווינשטיינען, וועלכער האָט ווייטער גערעדט.

— גענוג, זאָג איך אייך, פאַניע ווורובעלטשיק, גענוג האָט איהר מיך פאַרקנעכטעט, גענוג האָט איהר געטרעטען אויף מיר ווי אויף אַ וואָרים, גענוג האָט איהר מיין בלוט געזאַפּט דורך לאַנגע יאָהרען, ווייטער וועט עס נישט געהן.

— וואָס פאַראַ רוח איז אין דיר אַריין ווינ-שטיין, וואָס רעגסט דו זיך מיטאַמאָל אַזוי אויף.

— קענסט נישט רעדען מיט מיר מענשליך.

— אַזוי ווי מען גריסט אַזוי דאַנקט מען, פאַניע ווורובעלטשיק, אַנדערש וועל איך שוין צו אייך נישט רעדען, איבריגענס בין איך דאַ צו אייך אַהערגעקומען געשעפטליך, איך האָב מיט אייך עפּעס איבערצו-רעדען.

— זעץ דיך און באַרוהיג זיך, קודם כל, האָט זיגמונט געזאָגט, דערפיהלענדיג אַז ווינשטיין באַ-קומט איבער איהם די איבערמאַכט, דו ווייסט דאָך, אַז וועגען געשעפט בין איך שטענדיג גרייט צו רעדען.

— ביי דעם דאָזיגען געשעפט וועט איהר נישט פאַרדינען, איהר וועט דאַרפען צולעגען.

— כ'בין נייגעריג צו הערען, ווינשטיין, אויב כ'דאַרף צולעגען צו דעם געשעפט, וועל איך עס באַלד נישט מאַכען.

— דאָס וועלען מיר זעהען, אָבער אויך די דאָ-זיגע דיסקוסיע איז איבעריג, איך וועל אייך באַלד זאָגען, איך פאַרלאַנג פון אייך אַ גרעסערע סומע געלד און דאָס איין צוזאַמענהאַנג מיט דעם סוד, וועלכען איהר האָט מיר אַליין געגעבען אין האַנד אַריין.

— דו ווילסט מיך שאַנטאַזשירען, ווינשטיין, נישט אמת? זאָלסט דו דאַריבער באַלד וויסען, אַז דו ביזט צו קורץ פאַר מיר, איך פרעג נאָך דיר ווי נאָך דעם פאַראַיאָהריגען שניי...

— אויב אַזוי האָבען מיר גאָרנישט גערעדט, אַרבייטען ביי אייך וועל איך שוין סיי-ווי-סיי נישט און איך וועל אָנהויבען צו האַנדלען אַזוי ווי איך פאַרשטעה.

— דאָס וויל איך אויך נישט, ווינשטיין, אַר-בייטען וועסט דו ווייטער ביי מיר, אָבער שאַנטאַזשי-רען נישט.

— איהר רעדט אַזוי, פאַניע ווורובעלטשיק, ווי איהר וואָלט געהאַט די גאַנצע דעה איבער מיר, ווי איהר וואָלט געווען מיין הערשער און מיין באַפעה-לער, איך האָב אייך אָבער שוין ערקלערט, אַז די דאָזיגע צייט האָט זיך געענדיגט.

ווורובעלטשיק איז געבליבען זיצען שטיל, האָט געקלאַפּט מיט די פינגער אין שרייב טיש, פאַרדרו-סענט אַ פּאַפּיראָס, געקוקט אויף ווינשטיינען און זיך געריבען דעם שטערען, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט אַן אויסוועג צו דער לאַגע.

(המשך קומט)

אין קאמף פאר דער נשמה פון דער פוילישער יוגענד

(ענדע פון דער 4-טער זייט)

ברובען. די אטמאספערע וואס ווערט מעטאדיש פאר'סמ'ט, פארקריפעלט די נעפיהלען און די גרויסע טאלאנטען".

און דער אויטאר פארענדיגט, אז די דאזיגע פארברעכערישע ארבייט מוז זיך ענדיגען. די יוגענט מוז ארויסגעריסען ווערען פון דעם נעץ, און וועלכען זי איז אריינגעצויגען געווארען.

וועגען דערזעלבער פראגע — וועגען דער פוילישער יוגענט האט אויך דער נייטיגער „דזיעננויק נאראדאווי" פארעפענטליכט א לייט-ארטיקעל. די ציימונג טרעט ארויס געגען דעם געזו. רעקטאר מיכאלאוויטש, וועלכער האט אוף חנד פרייטאג'דיגער זיצונג אין סענאט געהאלטען א שארפע רעדע געגען די ווילדע אויסגאנגרעס פון דער עטדעקישער יוגענט.

דער „דזיעננויק נאראדאווי" שרייבט צוו. אנד.:

„סענאטאר מיכאלאוויטש, געוו. רעקטאר, א פערזענליכקייט, וואס איז גוט באקאנט אין לאנד פון די מעמטער פון דער נאציאנאלער באוועגונג, האט געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט באווארפען די פוילישע אקאדעמישע יוגענד מיט א מבול אומזיניגע זידלעריייען. „פחדנים, סאדיסטען, שלימאסעס", מענשען, וואס „האבען" ניישט קיין געפיהל פאר רעכט און אפט אפילו דאס געפיהל פון „עהרע".

אט דאס זענען די באצייכנונגען און עפיטעטען, וואס פאלען פון מויל פון א מענש, וועלכער ווי ער האט אליין באטאנט, האט געיערט ווי א פעדאגאג.

צי דארף מען צוגעבען, אז און איבטערעס פון דער גאנצער געזעלשאפט ליגט, אז אונזערע יוגענט זאל ווי אמשנעלסטען פאפרייט ווערען פון אזעלכע מטהיטים און ערציהער? א סך אזעלכע זענען איצט פארהאן אין פוילען, הגם עס איז א וואונדער, אז אין א לאנד, וואס האט אזוי הויך געשעצט די מדאר ריציעס פון געזעלשאפטליכער ערציהונג, וועלכעס האט אין דער צייט פון קנעכטשאפט געליגט אזוי פיל טעוויכט אויפן הויכען ניווא פון די מטהיגים פון דער יוגענט. זאל זיך פארמעהרען אזוי פיל „פעדאגאגען" פון דעם מין פון סענאטאר מיכאלאוויטש".

דער „דזיעננויק נאראדאווי" געפינט אבער באלד אויס די „אמת'ע" סיבה פון אזעלכע ארויסטרעטונגען:

„עס זענען נעמליך פארהאן מענשען, אין וועלכע די שנאה צו דער נאציאנאלער באוועגונג איז אזוי גרויס, אז זי פארשטעלט פאר זיי דאס זעה-פעלד און מאכט אוממעגליך יעדען אביעקטיווען אורטייל.

פאזונגדערס ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער יודישער פראגע, זעטען די דאזיגע מענשען גרייט צו קעמפען ביז צום לעצטען אטעם, פארטיידיגענדיג די פאזיציעס פון די יודען אפילו פארן פרייז פון דער עהרע פון דער אייגענער יוגענט".

ווי מיר זעהען, הייבט זיך אן צווישען דעם נייעם פוילישען לאגער און די ענדעקעס א קאמף פאר דער נשמה פון דער פוילישער יוגענט.

טעאטער, מוזיק און פערזוויילונג (קאמוניקאטען)

ריזיגער ערפאלג פון מאריס שווארץ-אנסאמבל אין „גאט, מענש און טייוועל"

ווי עס איז געווען פאראויסצוזעהן, האט דער קינסטלער-אנסאמבל פון מאריס שווארץ און דער מאדערניזירטער אויפפיהרונג פון „גאט מענש און טייוועל" ארויסגערופען אנטציקונג ביים לאדזשער יודישען טעאטער-צושויער. פונקט ווי פאריגעס יאהר — ביי דער אויפפיהרונג פון „יאשע קאלב" — אזוי אויך איצט, ווערט ממש די קאסע באלאגערט טאג-טעגליך פון הונדערטער מענשען, וועלכע קומען באוואונדערן ביי די פארשטעלונג אלס דעקראטיווע געשעהעניש, סיי דעם גאנצען קינסטלער-אנסאמבל און די וואונדער-בארע ראלען.

עס איז ווירקליך א פרייד פאר יעדען יוד, צו זעהן אזא פארשטעלונג אין יודישען טעאטער ביי די הייכטיגע שווערע צייטען, וואו עס קומען צום אויסדרוק אלע עלעמענטען פון טעאטער - קונסט, א פאראייניגונג פון די גרעסטע אקטיארישע כוחות, רעזשי, קאסטיומען, מוזיק, דעקאראציעס.

הייכט, מאנטאג 9 אווענד ווערט געשפילט „גאט, מענש און טייוועל".

דינסטאג און מיטוואך שפילט דער קינסטלער-אנסאמבל אין קאליש צוליב דעם, וואס דער זאל איז פארנומען דורך קאנצערטען.

דער מארגענדיגער מייסטער-קאנצערט פון פראנסע ערלעגארד

דינסטאג, דעם 9-טען מערץ קומט פאר אין פילהארמאניע דער פונפטער מייסטער - קאנצערט, אויף וועלכען ס'וועט ארויסטרעטען די פענאמענאלע דענישע פיאניסטין ערלעגארד, וועלכע ווערט אין דער אייראפעאישער פרעסע אנגערופען „דער פאגאניני פון פארטעפיאן".

די ליבהאבער פון מוזיק וועלען מיט אנערקענונג אויפנעמען די ידיעה וועגען קאנצערט פון דער בארימטער פיאניסטין.

אויפטריט פון דער נעגערישער זינגערין קאטערינא יארבארא אין לאדז

די בארימטע נעגערישע זינגערין קאטערינא יארבארא קומט ווידער קיין לאדז און וועט ארויסטרעטען מיטוואך דעם 10-טען מערץ אין פילהארמאניע-זאל מיט איהר פארשידענארטיגען און אינטערעסאנטען פראגראם.

פון די פוילישע טעאטערס

אין שטאטישען פוילישען טעאטער ווערט הייכט 7.30 אווענד געשפילט די קאמעדיע „גרובע ריבי".

— אין טעאטער פאפולארני ווערט הייכט 8.30 אווענד געשפילט „אינטערעס פאני ווארדען" מיט האדרעצקא אין דער הויפטראל.

— אין פאפולארני ווערט הייכט 8.15 געשפילט „דאמי אי הוזארי".

ראדיא - פראגראם

מאנטאג דעם 8 טען מערץ

6.33 גימנאסטיק, 6.50 מוזיק (פליטען), [illegible] ידיעות. 7.35 מוזיק (פליטען). 8 אודיציע פאר שול-[illegible] 11.30 אודיציע פאר שול-קינדער. 11.57 צייט-סיגנאל 12.03 פליטען, 12.40 ידיעות. 12.50 „אלע קינדער [illegible] בען גלייכע רעכט צו ליבע זייערע מוטערס" — [illegible] [illegible] פליטען, 2.57 לאדזשער בעריכט, 3 ווירטשאפטליכע ידיעות 3.15 רעקלאמע-קאנצערט. 3.40 שמועס פאר קינדער. [illegible] מוזיק פאר קינדער, 4.05 פליטען, 4.30 דער 3-טער אינטערנאציאנאלער שאפין-קאנצערט — טראנסמיסיע [illegible] דער ווארשאווער פילהארמאניע. 5 רעפערטאט, 5.15 [illegible] ליסטן-קאנצערט, 5.50 שמועס 6 אקטועלער שמועס, [illegible] ספארט-ידיעות, 6.20 סאלאן-מוזיק פון לאדז, 7 [illegible] רישע אודיציע, 7.30 אונטערהאלטונגס - קאנצערט, [illegible] אווענט-ידיעות, 8.55 אקטועלער שמועס, 9 ליטעראריש[illegible] אווענט, 9.30 פוילישע פאלקס-קאפעליע, 10 סימפאנישער קאנצערט.

Dr. med. L. Berman

צעגעלניאנא 15 טעל. 49-07

ספעציעל-ארצט פאר מענער · שוועכע-בע[illegible] האנדלונג און סעקסועלע בעראטונג

נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענט, זונטאג פון 9—1 פארמיטאג

פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזן

Dr. med. H. LUBICZ

ספעצ. פאר הויט. וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע

האט זיך איבערגעצויגען פון ציגעל-גאס 7 אויף

69 פילסודסקיעגא 69

(רוג נארוטאוויטשא) טעל. 141-32

נעהמט אן פון 8—10 פריה, 12—2 און 5—8 [illegible] זונטאג און חגאות פון 9—11 פריה.

KINO THEATR MIRAŻ 11 LISTOPADA 11

אנהויב 4 נאכמיטאג

היינט און פאלג. טעג!

גרויסער שפיאנאזש - פילם, רעאליזירט אויפ'ן גרונד פון אויטענטישע דאקומענטען, וואס זענען געפונען געווארען אין די מיליטערישע ארכיוען א. ג.

געהיימע בריגאדע

אין די הויפט-ראלען: Vera Korene, Jean Murat

„אללאה'ס גארטען" [illegible] פרייזען פון 54 גר.

היינט און פאלג. טעג!

גיגאנטיש מייסטערווערק אין נאטירליכע פארבען

רעזשי: RYSZARD BOLESŁAWSKI אין די הויפט-ראלען: MARLENA DIETRICH i CHARLES BOYER און דער געניאלער יודי[illegible]

פילם-קינסטלער Józef Schildkraut

אויסערדעם: פראכטפולע צוגאבע א. נאמען: „Rumba wędruje przez świat" אויסערדעם קלאנג-צוגאבע פון P.A.T.

קינא CAPITOL זאוואדזקא 16

קליינע אנאנסן ביז 15 ווערטער — 1 זלאטי

פרייע פאסטענס

עס איז נויטיג א וועש ני[illegible] מיט א אייגענע מאשין אין א גע[illegible] פון ואפארט, אפערטען פאר „וועש".

א יונגע, וואס איז בעקאנט [illegible] פארבען-שריפט, ווי אויך א יונגע[illegible] פעהיג אין גאס אלס אינקאסענט, [illegible] זיך מעלדען פאמארסקא 39, ביים [illegible] קריצער יוסף סאטט.

Poszukiwane są panienki [illegible] szydełkowej pracy. Zgłaszać do składu galanteryjnego [illegible]umf", Zgierska 3.

ס'ווערט געברויכט א קוואליפי[illegible] פאדרענאשנע, זאל קענען האנט-מאשין-נייהען צו א דאמען - שנייד[illegible] 11-טער ליסטאפאד 16, וו. 22.

פערשידענעס

פאבריקס-לאקאלען מיט צענטר[illegible] בעהייצונג און פערטיגע טראנספ[illegible] זאפארט צו פערמיטען. טעל. 193-74

א גוט-פראספערירענד פריז[illegible] געשעפט צו פערקויפען צוליב [illegible] זאכאדניא 16 יאקובאוויטש.

איך גיב 1500 - 2000 זל. [illegible] מ'זאל מיר געבען בעשעפטיגונג [illegible] ס'זאל נישט זיין, לוין א בעשי[illegible] איך בין א געוויסענהאפטער און [illegible] זאמער מענש, אלט בין איך 30 [illegible] פרנסטע אפערטען אין אדמיניסטר[illegible] אונטער „בעשעפטיגונג".

איבערצוגעבען אן ערשטקל[illegible] הערבאטשארניע מיט זופען, גוט [illegible] פיהרטע אין בעסטען צענטרום פון [illegible] מארק. צו ערפאהרען זשעראמסקיע[illegible] אין דער הערבאטשארניע.

אכטונג, לאדז און פראווינץ!

די לאנג-עקזיסטירענדע פירמע פון

יודישע לאנגע מלבושים

מ. לאבערשטיין מאכט בעקאנט די געע הרטע קונדשאפט, דאס מען געשעפט און פערוועהעו מיט'ן גרעסטען אויסוואהל פון לאנגע מלבושים ווי אויך א ספעציעלע אפטיילונג פון די בעסטע טוואליעטען סחורות אויף בעשטעלונגען, וואס ווערען אויסגעפערטיגט אין דער קורצסטער צייט לויט'ן פארלאנג. געדענקט דעם אדרעס!

משה לאבערשטיין

אגראדאווא 1, אין הויף, 1. שט: לינקס

Dr. I. Piechowicz

ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען

פערהימונג געגען שוואנגערשאפט האט זיך איבערגעצויגען אויף

20, שרודמיעסקא 20

טעל. 107-79

נעמט אן פון 8-9 פריה און פון 3—7 אוו.

Dr. med. G. GERSZTAJN

ספעצ. פאר אויגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

Traugutta 12, tel. 175-10

נעמט אן פון 11—2 און פון 5—8.30

די בעסטע קוועלע פון מאשינען-טיילען, ספרענזשינעס, עקסצענטערס, שוויסונגען.

איז נאר אין דער שלאסערייי J. REDER

Łódź, 11 Listopada 11/13.

בעקומען אויסצייכנונגען און א גאלדענעם מעדאל אויף די אויסשטעלונגען אין די גרעסטע שטעדט פון אייראפא און אין תל-אביב (ארץ-ישראל)

MAG Nr 2

(NIE FARBA)

SIWYM WŁOSOM PIERWOTNY KOLOR

פארקויפט און אלע שפייכלען, אפטייק-געשעפטען און פערפומעריעס.

Fabr. Chem. - Kosm. „Pharmachemja", Bydgoszcz.

Centralna Poradnia Wenerologiczna

וועגערישע, הויט און מענער-שוועכע.

ספעציעל קאסמעטישער קאבינעט

טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אין אווענד. פרויען נעמט אן א פרוי-דאקטאר.

Piotrkowska 88

tel. 143-63.

וויזיט 3 זל.

לעטשניצע

פאר וועגערישע-קראנקע מענער · שוועכע און הויט-קראנקהייטען

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

45 פיעטריקאווער

טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אווענד. פרויען און קינדער נעמט אן א פרוי-דאקטאר פון 11-1 און פון 5-7 אווענד.

א בעראטונג 3 זל.

הילף און רפואה פאר ברוך-קראנקע

רופטורען) אויף פויוינקעל, נופעל ביי מענער, פרויען און קינדער, אויך פאר פערהרימונגען פון רוקענביין (הויקערס), פיס, שיפע פלייצעס און שמערצהאפטע פלאטפיס.

דאס ליידען איז נישט צו פערנאכלעסיגען, ווייל די פאלגען זענען פאר'ן לעבען ביטער און געפעהרליך. דורך מיין מעטאדע ערפונדענע ספעציעלע גומי-הייל-באנדאזשען, וועלכע האלטען צו די גרעסטע פערנאכלעסיגטע געפעהרליכע ברוכען און בעזייטיגען ראדיקאל מיט גאראנטיע אהן בלוטיגע אפעראציע. מיין ספעציאליטעט איז אויך: הייל-פאראמען און גארסעטען געגען אלערליי פערקריפלונגען, פערקרימט פלייצעס, פוס, הויקערס ווי אויך שמערצענדע פלאט-פיס. פאר אמפוטירטע אינוואלידען אמעריקאנישע קונסט-פיס (סאלאן-ארבייט).

ביים אראפלאזען זיך פון מאגען, קישקעס, געבירט-מוטער, עמפפעהל איך ספעציעלע הייל-באנדאזשען לויט דעם סיסטעם פון פראפ. ד"ר גלענארד דער אמת'ער בעריהמטער איז גאנץ פוילען פון אוניווערזיטעטס-פראפעסארען אנערקענט

אנערקענונגס-צייגניש און לויב-טרייבען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען:

Prof. Dr. Marischler, Prof. Dr. Barącz, Dr. B. Kielowski, Dr. Maksymiljan Münzer.

ספעציאליסט Ortoped NATAN RAPAPORT

מיט 30-יעהריגער פראקטיק אין ווינן, דייטשלאנד און לעמבערג, נעמט אן פון 9 פריה ביז 1 בייטאג און 3 ביז 7 אווענד

אין לאדז, פילסודסקיעגא № 23

פערזענליכע ערשיינען פון קראנקע ביי מיר איז אונבעדינגט וויכטיג.

Dr. med. I. SER

choroby wewnętrzne

האט זיך איבערגעצויגען אויף

Al. I-go Maja 3, tel. 174-41.

נעהמט אן פון 4-6 נאכמ.

Dr. med. Z. DATYNER

אוראלאג

ספעצ. פאר נירען בלאז און אורין-קראנק.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95

לעטשניצע

פאר וועגעריש-קראנקע

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

לאדז, זאוואדזקא 1, טעל. 205-38

טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענט.

וועגעריש-קראנקע. מענער-שוועכע און הויט-קראנקהייטען

ענאליזען פון בלוט און אורין

די פערהיטונגס-סטאציע

איז טעטיג א גאנצען מעת-לעת

פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.

א בעראטונג 3 זל.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub. Redaktor odpowiedzialny: Chanon Kaufman. Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.